הזמיר כאָר, דעם 29־טן נאָוועמבער ה. י. איז פֿאָר־געקומען דער יערלעכער קאָנצערט פֿון כאָר. מוזיק־די־רעקטאָר י. אדריאַן באַרטעק. פּיאַנאָ מרים ראָכלין , גאַסט אָרטיסט — ראָבערט עקסעלמאַן — טשעלאָ און דער יוגנט־אַנסאַמבל „פֿלאַמען". אין באַריכט פֿון דעם יובל־אַקאַדעמיע „70 יאָר „קדימה" איז על פּי צופֿאַל אַרויסגע־פֿאַלן די באַגריסונג פֿון „הזמיר"־כאָר. אין נאָמען פֿון „הזמיר"־כאָר האָט אין וואַרעמע ווערטער באַגריסט פֿר' שלום פּעלל.

✶

מיטוואָך דעם 2־טן דעצעמבער איז אין „קדימה" זאַל פֿאָרגעקומען אַ רעפֿעראַט פֿון שרייבער זאב עדרי (וואָלאַ־דיסלאַוו באַנק) וועלכער איז געקומען פֿון ישראל אויף אַ פּריוואַטן באַזוך. דער רעדנער איז זייער גוט באַ־האַוונט אין דער לאַגע אין פּוילן, און דאָס איז געווען די טעמע פֿון רעפֿעראַט. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט פּ. רינגעלבלום.

די טעמע האָט אַרויסגערופֿן א גרויסן אינטערעס אין צוגעצויגן אַ היפּשן עולם.

---

## אַ באַגריסונג פֿון מעקסיקע

יידישער קולטור־צענטער
און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
מעלבורן

**חשובֿע פֿריינד און חבֿרים,**

קודם־כּל דאַנקען מיר אייך זייער פֿאַר דער גוטע בשורה וועגן אייער צענטראַלער יובל־פֿייערונג. און, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר דער פֿאַרבעטונג צו באַטייליקן זיך אין אייער יום־טובֿ. אייער יום־טובֿ איז אויך אונדזער יום־טובֿ. קאַלטע ווינטן בלאָזן היינט, צום באַדויערן, אויף דער יידישער גאַס און אַזאַ יידיש־יידישע פֿייערונג ווי אייערע דערמוטיקט און דערמאָנט אין אונדזער דיכטער לייוויקס אָנזאָג דער וועלט אין זיין פּאָעמע „איוביק": „מיר הייבן זיך אויף ווידער און שפּאַנען אַוועק ווייטער..."

אייער יידישע קולטור־שעפֿערישע טעטיקייט איז אונדז גוט באַקאַנט און מיר האָבן שטענדיק אָפּגעשאַצט מיט גרויס אָנערקענונג אייער היסטאָריש־נאַציאָנאַלע ראָל, ווי אַ זייער וויכטיקער יידישער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַקטאָר, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט צו פֿאַרבינדן און דערנענטערן אייער יידישן ישוב צו אַלע אַנדערע יידישע ישובֿים אין דער וועלט מיט זייערע פּאָלי־טישע און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע איבערלעבונגען און אַקטיוויטעטן.

איז צום 70טן יובֿל פֿון אייער באמת גראַנדיעזער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט ווינטשן מיר אייך מיט אונדזערע אויפֿריכטיק־פֿריינדלעכסטע געפֿילן, אַז איר זאָלט קענען דערפֿילן מיט גרויס דערפֿאָלג די דערהויבענע אויפֿגאַבע וואָס איר שטעלט זיך: צו פֿאַרטיפֿן און אַנט־וויקלען די יידישע קולטור־ווערטן אין אייער יידישן ישובֿ און איבערגעבן זיי צום יינגערן דור.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן און בעסטע ווינטשן
פֿאַרן פּרעזידיום:
פּ. מייזעל
י. ראָטענבערג
מעקסיקע, 1981

# צילן און טרוימען

טרוימען קאָנען זיך פאַרוואַנדלען אין צילן. עס קאָן אויך געשען פאַרקערט: נישט דערגרייכטע צילן, בלייבן אין די גרענעצן פון טרוימען.

פאַר די טוער פון דער „קדימה", צו זען יונגע כוחות ביי דער ידישער קולטור־אַרבעט, איז אַ טרוים, וואָס מיר וואָלטן זייער געוואָלט — עס זאָל ווערן דער דערגרייכטער ציל.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ס'האָט זיך באַוויזן דער יוגנט־טעאַטער, האָט זיך געדוכט, אַז פון טרוים וועט ווערן דער דערגרייכטער ציל. ווי עס פּאַסירט אָבער אָפט מיט יוגנט, האָבן זיי זיך אָפּגעקילט, הגם דער אָנהויב איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער, און אַזוי אויך דער אָפּרוף, ווענן די פאַרשטעלונגען.

די פּיאָנערישע אַרבעט אַרום דער ראַדיאָ־אוידיציע פאַר יוגנט, וועלכע ס'האָט אָנגעהויבן מייקל זילבערמאַן און אַ גרופּע יוגנטלעכע, האָט זיך אין משך פון עטלעכע יאָר פאַרוואַנדלט אין אַ קרייז פון יונגע, פעאיקע, טאַלאַנטפולע כוחות.

דער הויפּט־אויפטו פון דער יוגנט־אוידיציע איז דער, וואָס זי איז נישט איינגעשטעלט אויפן „סטאַר" פּרינציפּ, נאָר איז די קאָלעקטיווע אָנשטרענגונג פון גאַנצן קרייז.

מיט דער דערמוטיקונג פון „קדימה"־עקזעקוטיווע, האָט דער עקזעקוטיוו־מיטגליד אַלעקס דאַפנער גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע, צו אָרגאַניזירן אַן עפנטלעכן אַרויסטריט פון דעם קרייז. דאָס זאָל דינען ווי אַן אָנרעגונג פאַר איינשטעלן רעגולערע אונטערנעמונגען פון יוגנטלעכע אין „קדימה".

דער אָריגינעלער איינפאַל — דורכצופירן אַ רעוויוע אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער ראַדיאָ־אוידיציע, איז דורכגעפירט געוואָרן אין „קדימה" דעם 25 ־טן אָקטאָבער ה"י.

מיטן פּראָגראַם האָבן אָנגעפירט די ראַדיאָ־אַנאָנסירער פרידל גאָלדבערג (ידיש) און מייקל דעמבינסקי (ענגליש). זיי האָבן איבערגעגעבן די קאָמוניקאַטן רויִק, קלאָר, זאַכלעך ווי געשולטע פּראָפעסיאָנאַלן.

דער מוזיקאַלישער אַנסאַמבל „פלאַמען" האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן די צוהערער מיט זיין רואיקן, מוזיקאַלישן טאָן. דער אָפּקלייב פון די נומערן, דער טעקסט און די מוזיקאַלישע אינטערפּרעטאַציע איז געשטאַנען אויף אַ קינסטלערישער מדרגה און איז אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. די צוהערער האָבן אָפּגעשאַצט די דערגרייכונגען פון דעם אַנסאַמבל, און די פיינע אַנטוויקלונג, זינט זיין אַנטשטייאונג. אין אַנסאַמבל נעמען אַנטייל: לאה מלינעק; פריידע מראַצקי; יאַנקל ראַבין; מיכאל קאַרש; לייבל מראַצקי און מ. בורשטין.

די צוויי שוועסטער מלינעק — באַקאַנט פון זייערע פריערדיקע אויפטריטן, האָבן אויך דאָס מאָל פיין אויסגעפירט עטלעכע סאָלאָ־נומערן. די באַהערשן גוט די אינסטרומענטן און פילן זיך פריי אויף דער בינע.

יאָסל טיגעל האָט פאַרגעלייענט אַן אַרבעט פון ע. קאַרמאַן „מיין טאַטנס ניגון". יאָסל האָט אַ פיינע דיקציע און לייענט מיט טאַלאַנט. מיר האָבן אים שוין געזען אויף דער בינע, ביי אַנדערע געלעגנהייטן און מ'קאָן זאָגן, אַז אין אים קלאַפּט אַן „אַרטיסטישער אָדער".

די פאָלקס־מעשה „דריי ברידער" האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג מיט דער אָריגינעלער אויפפירונג. די אינסצעניזאַציע האָט געמאַכט דאַבע אַפּעלאַוויטש. אין דער אויספירונג האָבן אָנטיילגענומען: ה. נוסבוים; י. דעסאַוער; ד. רינגעלבלום; ה. אָסאָוויצקי; י. ראַבין ש. בורשטין; נ. קאַלמאַן; י. שמערלינג; נ. פינסקער; פ. מראַצקי, ע. לוסטיג.

צוויי אַרטיסטן פון יוגנט־טעאַטער: נוסבוים און דאַפנער האָבן מיט געניטקייט אויפגעפירט שלום עלימס דיאַלאָג אין באַן: „ס'איז אַ ליגן".

מיט סאָלאָ־טענץ איז אויפגעטראָטן שפרה בורשטין. אירע ריטמישע באַוועגונגען האָבן כאַראַקטעריזירט אַן ווערטער, דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט אַרויסברענגען. זי פילט זיך זיכער אויף דער בינע, און מען זעט פאַר זיך אַ געשולטע, פעאיקע טענצערין.

דעם ענגלישן איינאַקטער „די העברעאישע לעקציע" (לויט וו. מאַנקעוויטש) האָבן אויסגעפירט ד. דינער, ש. בידערמאַן צוזאַמען מיט סלוצקי און טיגעל. זיי האָבן גוט באַהערט די ראָלן און זייער טרעפלעך אונטערגעשטראָכן די כאַראַקטעריסטישע שטעלן פון דעם איינאַקטער. אגב — דזשערי דינער איז זייער גוט אין כאַראַקטער־ראָלן.

אין פּראָגראַם האָט אויך אָנטיילגענומען, ווי אַ גאַסט־אַרטיסט איצל אַפּעלאַוויטש, וועלכער האָט איינדרוקספול און איבערצייגנדיק פאַרגעלייענט אַ פראַגמענט פון אַפּאַטאָשוס: „אין די פוילישע וועלדער".

אויפפירונג און סצעניסטן (ווי די זענען פאַרצייכנט אין פּראָגראַם) א. דאַפנער; ש. סלוצקי; י. טיגעל; שרה זילבערמאַן; מ. זילבערמאַן; ה. נוסבוים; עסי לוסטיג.

דער קרייז דאַנקט אויך דער „קדימה" פאַר דער אונטערשטיצונג.

עס ווילט זיך האָפן, אַז אונדזער טרוים פון זען יונגע ידישע אַרטיסטן אויף דער בינע פון „קדימה" — וועט פאַרוואַנדלען ווערן אין א דערגרייכונג.

א—ד

---

## פון דער „קדימה"־ביבליאָטעק

צוליב די וואַקאַציעס וועט די ביבליאָטעק זיין געשלאָסן פון 27טן דעצעמבער ה"י.

זי עפנט זיך דעם 2טן פעברואַר 1982.

אונדז פעלט נאָך אַלץ דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער איז עס א זעלבסט פארשטענדלעכקייט. אונדז פעלט דער אוניווערסיטעט, די סיסטעמאַטישע בילדונג; פארשער, וואָס זאָלן קאָנען אַנאַליזירן, און די דאָזיקע אַנאַליזן געבן אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך בלויז וועגן קולטור און ליטעראַטור.

עס איז שוין מער נישט גענוג צו באַנוצן זיך מיטן אלטן סיסטעם, וועלכע יידישע שרייבער האָבן מיטגעבראַכט פון די ישיבות. דער גייסט פון דער צייט שטעלט נייע פאָדערונגען צום עסייאיסט,וועלכע ער קאָן ליידער נישט באַפרידיקן.

צוליב דער באַגרענעצטקייט אין ליטעראַרישע ווערק, וואָס זאָלן דינען דעם קריטיקער ווי א מעדיום פאַר זיין שאַפן — הינקט שטאַרק אונטער די ליטעראטור־קריטיק. פאַרשטייט זיך — יידישע קריטיקער גיבן זיך אַן עצה.מען שרייבט וועגן ליטעראַרישע ווערק, אָדער שרייבער פון פארגאַנגענע יאָרהונדערטער, יאָרצענדליקער; וועגן שרייבער, וועלכע מ׳האָט שוין באַלד פאַרגעסן זיינע נעמען. אַפילו וועגן אַזעלכע שרייבער, וועלכע מ׳קאָן בלויז פון איבערזעצונגען. איז עס אַ נעגאַטיווע דערשיינונג? בשום אופן נישט. מען קאָן אַלע מאָל איבערשאַצן ווערטן; אויסגעפינען אין די ווערק נייע עלעמענטן; אַנאַליזירן זיי אין אָנבליק פון צייטענדערונגען; פּאָליטישע סאָציאַלע ענדערונגען. איבערשאַצן ווערטן טראָגט אין זיך שוין במילא דעם עלעמענט פון שעפערישקייט.

די צרה איז אָבער — וואָס נישט נאָר דער לייענער איז אַלט; אויך די קריטיקער זענען שוין נישט קיין יונגע לייט, און האָבן מער נישט קיין צייט און קיין געדולד (אפשר אויך נישט די אויפנאַמס־פעאיקייט) פאַר שטודירן ווערק. לייענען זיי בלויז ביכער וועגן די שרייבער; וועגן זייערע ווערק. עס איז שוין א נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז ווען איר לייענט וועגן א באַרימטן שרייבער ביים היינטצייטיקן קריטיקער, טרעפט איר זיך אָן אויף אַן אַ שיר ציטאַטן פון שרייבער־מיטצייטלער, פון אָפּשאַצער פון שפּעטערדיקע דורות. מיט דעם דערגרייכט ער צוויי זאַכן מיט אַ מאָל: ערשטנס — ער איז ערלעך און געוויסנהאַפט, און מען קאָן אים גאָרנישט פארוואַרפן: ער ציטירט גענוי. צווייטנס — באַפרייט עס אים פון האָבן אַן אייגענע מיינונג, און ער איז סיי ווי אַ שרייבער, ער איז פטור פון לייענען אָריגינעלע ווערק.

יידישע ליטעראַטור, דאַרף מען אויך באַמערקן — איז געוואָרן אַן אינדיווידועלער ענין. דאָס פאָלק פאַרלאַנגט נישט מער פון שרייבער — ער זאָל שרייבן. דאָס פאָלק דערוואַרט עס גאָרנישט פון אים. דאָס פאָלק געטרויט דעם שרייבער אויפן ווארט, אַז ער איז אַ שרייבער.

יידישע זשורנאַלן וואָס פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור, און ווערן דאָס רוב אויסגעהאַלטן פון געזעלשאַפטלעכע פאָנדן און וואָלטן געדאַרפט דינען געזעלשאַפטלעך דער ליטעראַטור ווי טאָן־געבער, ווי אידייען־טרעגער האָבן זייערע אייגענע סיבות עס נישט צו זיין.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט צו זען, ווי היפשלעך טאַלאַנטירטע שרייבער שטעלן זיך אויף די קני, כדי דער רעדאַקטאָר פון דעם, אָדער יענעם זשורנאַל זאָל אויסזען העכער, גרעסער, שטייענדיק אויף די קני טליעט ביי אים אַ פונק פון האָפענונג:

— אפשר וועל איך זוכה זיין, ער זאָל מיר אַריינעמען אינעווייניק... שרייבער זענען פונקט ווי אַנדערע מענטשן: זיי האָבן פון חורבן גאָרנישט געלערנט... אין זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן האָבן זיי איבערגעהיפט דעם חורבן.

מען וואָלט נאָך אפשר געדאַרפט באַרירן דעם פּאָעטישן צווייג. פּאָעזיע איז דאָך געווען דער אָנהויב פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, און טראָגט נאָך אַלץ קינסטלערישע פּאָטענצן. דאָ אָבער הויבט אָן צו ווירקן דער פעסימיסט: — איז פּאָעזיע, איינינקע אַליין בכוח אַרויסצופירן אונדזער ליטעראַטור פון גייסטיקן מדבר אין וועלכן זי געפינט זיך, אויב אפילו עס וועט געדויערן פערציק יאָר? (און די צייט רוקט זיך שוין אונטער...)

עס איז שווער צו פאַרשרייבן אַ רפואה. די איינציקע טרייסט איז, אַז כל זמן מען שרייבט און מען רעדט דערפון, איז נאָך אַלץ א סימן, אַז די ליטעראַטור לעבט.

---

# אַ היסטאָרישע געשעעניש אין אונדזער ישוב

פון דער אָנזעעוודיקער צאָל יידישע טאָג־שולן אין מעלבורן — טיילט זיך איין שול אויס מיט דעם, וואָס זי איז נישט בלויז אַ שול פאַר יידישע קינדער — זי איז אַ יידיש־שול, וווּ יידיש און העברעיש שטייען אויף דער זעלבער מדרגה, און ווערן געלערנט מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט — ווי ענגליש.

מיט זעקס יאָר צוריק האָבן אַ גרופּע עקשנים, מיטן פר׳ נאַטאַן גריפּענבערג בראש נישט געוואָלט מער שלום מאַכן מיטן סטאַטוס קוואָ—און זיך גענומען בויען אַ יידישע שול.

סקעפּטיקער האָבן נישט געפעלט. אויך ענטוזיאַסטן האָבן אָבער אויך נישט געפעלט.

אַצינד זענען מיר עדות פון דעם היסטאָרישן מאָמענט אין אונדזער ישוב: דער ערשטער ארויסלאָז פון דער 6־קלאַסיקער גרונד־שול (דינסטיק, דעם 8טן דעצעמבער 1981). די אַביטוריענטן באַקומען זייערע אַטעסטאַטן, אין וועלכע עס זאָגט זיך בפירוש — אַז דאָס איז פאַר דערגרייכונגען אין יידיש, העברעיש און ענגליש.

דער ערשטער אַרויסלאָז איז נישט נאָר דער טריאומף פון די בויער — עס איז דער טרויאומף פון יידיש, עס איז דער טריואומף פון שעפערישער וויטאַליטעט און גלויבן אין דער נויטיקייט פון אַ שול, אין וועלכער יידיש איז אַן אינטעגראַלער טייל.

באַגריסן מיר די שול און די בויער מיטן רעזולטאַט פון זייער אָנשטרענגונג — און שליסן זיך אָן צום יום־טוב.

מ.

מאַרק ב.

# אין א נאָווינע — וועגן דער ליטעראַטור אונדזערע...

מיר האָבן נישט די מאָס אויסצומעסטן (און קאָנען זיך אויך נישט פאַררופן אויף קיין סטאַטיסטיק אָדער פאָרש־אַרבעט — ווייל אַזעלכע זענען נישטאָ) ווי ווייט דעם יידישן פאָלק איז געלונגען צוריקצושטעלן זיך אויף די פיס פיזיש; עקאָנאָמיש; גייסטיק — נאָכן חורבן. איינס איז אָבער זיכער: דעם פאַרלוסט וואָס עס האָט געליטן די יידישע ליטעראַטור — די וואונד ווערט נישט פארהיילט. קיין נייע שרייבער קומען נישט צו, און די, וועלכע האָבן איבערגעלעבט — פאַלן אַרויס; די וואָס באַשעפטיקן זיך נאָך אַלץ מיט ליטעראַטור, זענען אַריין אין דער בחינה פון פראָדוצירער — נישט פון שעפער. מען פראָדוצירט ביכער, אין וועלכע עס פעלט דער הויפּט־עלעמענט פון דאָס וואָס באַרעכטיקט אָנגערופן צו ווערן ליטעראַטור — די פירנדע אידיי.

דאָס, וואָס מיר זענען געוווינט אָנצורופן שיינע ליטעראַטור־בעלעטריסטיק, שטראָמט היינט כמעט פון איין און איינציקן קוואַל: פּערזענלעכע איבערלעבונגען. די זכרונות גראוויטירן צווישן ליטעראַרישן און נישט־אַזוי־ליטעראַרישן רעפּאָרטאַזש. און נאָך איין דערקאָן־צייכן האָט דער מין ביכער: זיי זענען אַן איינמאָליקע אָנשטרענגונג. מיט דעם בוך הויפּט זיך אָן און עס ענדיקט זיך די שרייבערישע באַדערפעניש, פון מחבר.

זעלטן ווען ס'רייסט זיך, דורכן געדיכטן טונקעלן וואָלקן פון אונדזער ליטעראַרישן הימל דורך אַ שטראַל, אין פאָרם פון אַ ווערק, וואָס גיט אונדז באַפרידיקונג, ווען מיר לייענען עס.

די עסייאיסטיק, וואָס איז אַמאָל געווען אַ וויכטיקער ליטעראַרישער שטראָם, אין וועלכן ס'זענען אַרומגעשוואומען אידייען, דעפיניציעס — אויב אַפילו מען איז מיט זיי נישט מסכים געווען — האָבן זיי אָבער אינספּירירט צו שאַפן דעם קעגן־געוויכט. די עסייאיסטיק האָט זיך געלאָזט פאַרגלייכן צו אַ קאַלירפולן אַקוואַריום פון פארשידנאַרטיקייט. עס איז געווען דער פּעריאָד, ווען שרייבער האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטן, אַרויסהויבן פּראָבלעמען, באַלייכטן זיי; דערגרונטעווען זיך צו די סיבות און זוכן די לייזונג. זיי האָבן אויפגעוועקט ביים לייענער דעם אינטערעס צום טראַכטן.

דער עסייאיסט פון אונדזער צייט, איז אין זיין שאַפן געוואָרן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — אַן ענציקלאָפּעדישער אָנווייזער, אָדער, דאָס וואָס א מלמד האָט אַ מאָל גענוצט אין חדר — אַ טייטל. ער ברענגט אַ ציטאַט פון דעם אָדער יענעם דענקער, און זאָגט אונדז:

— אויב דו ווילסט באמת וויסן מער — טאָ זיי מוחל און לייען דאָס געגעבענע בוך, פון דעם געגעבענעם שרייבער. ער — דער עסייאיסט, האָט שוין, הייסט — ס'דייניקע געטאָן.

עס איז, אפשר נישט די שולד פון דעם, וואָס רופט זיך אַן עסייאיסט; קיין יונגן יידישן לייענער האָבן מיר נישט. דער ידישער יוגנטלעכער געהערט היינט צו דער ספערע פון הויך־געבילדעטער אינטעלעגענץ אין יעדן לאַנד, און ווען ער וואָלט אַפילו זיך געגעבן די מי צו לייענען די עסייאיסטן (פון היינט) וועלן זייערע אַרבעטן אַרויסרופן ביי אים אַ שמייכל מיט זייער פרימיטיווקייט און נאַיוויטעט. דער עלטערער לייענער, ווידער, האָט שוין נישט די ענערגיע און געדולד צו נאָכפאָלגן, צו נאָכקאָנטראָלירן די אויטענטישקייט פון דעם, וואָס מען טראָגט אים אונטער צו לייענען. במילא שאַפט זיך ביי די עסייאיסטן דאָס געפיל פון זעלבסט־צופרידנקייט און דורך דעם: זעלבסט־אָנערקענונג.

ווען מיר נעמען נאָך אין אַכט, אַז עסייאיסטן פאַרנעמען זיך אויך מיט ליטעראַטור־קריטיק — קומט שוין אויס, אַז איינער דעם צווייטן גיבן אַרויס אַטעסטאַטן פון וויל־געלערנטקייט, וועלכע קיינער שטעלט שוין נישט אונטער אַ פראַגע־צייכן.

---

הילף. אין די טויט־לאַגערן שטאַרבן טויזנטער אַרעסטירטע פון שווינדזוכט און אַנדערע קרענק.

די טויטן לאַגערן געפינען זיך אין דער געגנט פון ווייגאַטש - נייע ערד, ווו עס הערשט אַ שרעקלעכער קלימאַט זומער ווי ווינטער. עטלעכע טויטן־לאַגערן געפינען זיך אויך אין אוקראַינע.

דער אַטלאַס קלערט אויף: אין די טויטן־לאַגערן אַרבעטן מענטשן וועלכע זענען נישט פאַרמשפט צום טויט. דאָרטן ווערן פארשיקט מענטשן מיט 10 אָדער 15 יאָריקע אורטיילן.

די אַלע לאַגערן זענען אַמאָל באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען: „גולאַג". אין דער מערב־וועלט וויס מען, אַז דער „גולאַג" איז געווען ליקווידירט, און אַז אין די לאַגערן הערשט נישט דער סטאַליניסטישער טעראָר און די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען.

דער וועלט אַטלאַס פון אברהם שיפרין באַצייכנט דעם נייעם אַרכיפּעלאַג מיטן נאָמען: „גויטיק" קען זיין, אַז דער נייער נאָמען קלינגט נישט אַזוי, ווי דער פריערדיקער נאָמען: „גולאַג", אָבער די צאָל אַרעסטאַנטן און די מעטאָדן אין די סאָוויעטישע לאַגערן, תפיסות, פסיכיאַטישע אַנשטאַלטן, זענען די זעלבע, ווי אין סטאַלינס צייטן.

דער וועלט־אַטלאַס האָט אויך ווייסע פלעקן. ס'פעלן ציפערן און פאַקטן פון די לענדער, וועלכע געהערן צום סאָוויעטישן בלאָק.

לעצטנס איז אַנטשטאַנען אַן אָרגאַניזאַציע אין פוילן, וועלכע פאָדערט דאָס באַפרייען פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע זיצן אָן פּראָצעסן אין די פוילישע תפיסות.

וו. יאַבלאָנסקי

# וועלט־אַטלאַס פון שטראָף־אַנשטאַלטן

די אינטערנאַציאָנאַלע אַמנעסטיע־אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן האָט אירע אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע לענדער פון דער פרייער וועלט, ווי אויך אין אַ טייל לענדער פון דער דריטער וועלט.

אין סאָוויעטישן בלאָק, מיט סאָוויעט־רוסלאַנד בראש איז די טעטיקייט פון „אַמנעסטיע אינטערנאַציאָנאַל" — פאַרבאָטן.

די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון באַמיאונגען צו רעווידירן פראָצעסן פון פּאָליטישע אַרעסטירטע; פון אַנטי־ראַסיסטישע אַקטיוויסטן. זי פאַרנעמט זיך אויך מיט העלפן די משפחות פון די אַרעסטירטע.

אויף פילמאָליקע ווענדונגען פון „אַמנעסטיע", וועגן מעגלעכקייטן פון העלפן פּאָליטישע אַרעסטירטע אין די קאָמוניסטישע לענדער — קומט דער ענטפער — אַז אין די לענדער זענען נישטאָ קיין פּאָליטישע פאַרברעכער, בלויז קרימינעלע.

קרימינאַלאָגן פון פאַרשידענע לענדער פאַרנעמען זיך אַ לאַנגע צייט מיט פעסטשטעלן די צאָל תפיסות און קאָנצענטראַציע לאַגערן אין פאַרשידענע לענדער, ווי אויך די צאָל פאַרמשפטע, וואָס זיצן אין זיי. בלויז אין די קאָמוניסטישע לענדער איז שווער פעסטצושטעלן די צאָל תפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַרבעטס־לאַגערן, פסיכיאַטישע אַנשטאַלטן, און די אַלע מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין די.

דעם ישראלדיקן קרימינאָלאָג אברהם שיפרין האָט זיך איינגעגעבן, נאָך לאַנגע יאָרן פאָרשן, צונויפשטעלן אַן אַטלאַס מיט בילדער, צייכענונגען און מאַפּעס פון דער וועלט און די צאָל שטראָף־אַנשטאַלטן און די צאָל מענטשן, ביי וועלכע עס איז צוגענומען געוואָרן די פרייהייט.

אַמשווערסטן איז שיפרינען אָנגעקומען דאָס צונויפשטעלן די צאָל תפיסות און קאָנצלאַגערן, פסיכיאַטישע שפיטאָלן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דער וועלט־אַטלאַס איז אַרויסגעגעבן אין עטלעכע שפראַכן, אין דער שווייץ. אין אים איז אָנגעגעבן, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד געפינען זיך צוויי טויזנט שטראָף־אַנשטאַלטן. מיר געפינען גענויע אַדרעסן פון די ערטער, ווו די אַנשטאַלטן געפינען זיך.

די רשימה הויבט זיך אָן מיט דער ליובּיאַנקע־תפיסה אין מאָסקווע. עס איז אָנגעגעבן, מיט וועלכן טראַמוויי אָדער מעטראָ מען קאָן פאָרן, צו דער תפיסה. אין מאָסקווע און אומגעגנט געפינען זיך נאָך 30 תפיסות.

די גרעסטע צאָל שטראָף־אַנשטאַלטן געפינען זיך אין דער געגנט פון קאָלימנאָ. 118 לאַגערן זענען באַשטימט פאַר יוגנטלעכע און קינדער.

דער וועלט־אַטלאַס פון שיפרין אַנטהאַלט גענויע מאַפּעס פון 120 גובערניעס. אין וועלכע עס געפינען זיך שטראָף־אַנשטאַלטן מיט מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער. אויף די מאַפּעס איז אָנגעגעבן די נעמען פון די לאַגערן און תפיסות; מיט וועלכע באַנען, אויטאָבוסן אָדער עראָפּלאַנען מען קאָן צו זיי דערגרייכן.

דער אַטלאַס גיט אָן גענויע אַדרעסן פון 150 פרויען לאַגערן, אין וועלכע ס׳געפינען זיך אויך מאַמעס מיט קינדער.

איין בילד אין אַטלאַס ווייזט אַ קאָלומנע פון קינדער־פאַרברעכער וועלכע מאַרשירן צו דער אַרבעט. זיי זענען אָנגעטאָן אין שמאטעס מיט הילצערנע שיך אויף די פיס.

גענוי ווי אין אוישוויץ איז געווען אַן אויפשריפט: „אַרבעט מאַכט פריי" — האָט אין סאָוויעט־רוסלאַנד יעדער לאַגער אַן ענלעכן אויפשריפט. „ערלעכע אַרבעט פירט דיך צוריק צו דיין משפחה" — דאָס איז אַן אויפשריפט פאַר יוגנטלעכע פאַרברעכער.

פאַר עלטערע איז דער אויפשריפט: „ערלעכע אַרבעט פירט צו דער באַפרייאונג פאַרן טערמין".

אויף אַ באַזונדערע מאַפּע איז אָנגעגעבן די צאָל פון פסיכיאַטישע שפיטאָלן, וועלכע האָבן אָפּטיילונגען פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. עס זענען אויך דאָ פסיכיאַטישע שפיטאָלן אין וועלכע ס׳געפינען זיך קרימינעלע, פּאָליטישע און פרויען־פאַרברעכער.

אין מאָסקווע אַליין געפינען זיך 17 פסיכיאַטישע שפיטאָלן, צווישן די דער באַרימטער אינסטיטוט פאַר געריכטלעך־מעדיצינישער פאָרשונג. אין אַלגעמיין געפינען זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד (לויטן אַטלאַס) 83 שפיטאָלן, וועלכע באַהאַנדלען פסיכיאַטיש נאָר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

גענוי ווי אין סטאַלינס צייטן — אַרבעטן די אַרעסטאַנטן פון זון אויפגאַנג ביז זונפאַרגאַנג. טויזנטער אַרעסטאַנטן אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס זענען די אַרעסטאַנטן וועלכע בויען די באַרימטע מאגיסטראַלע: בייקאַל ־ אַמור. די אַרבעטס און נאַטור באַדינגונגען זענען שווערע. טויזנטער ווערן יעדן טאָג געבראַכט אין די שפיטאָלן, קרבנות פון פאַרפאַלן ביי דער אַרבעט. ווי באַוווּסט דאַרף די באַן־ליניע, און אויטאָסטראַדע זיין דער וווּנדער פון 20־טן י״ה.

אַ גרויסע אַרבעט פון עלעקטריפיצירן און אינדוסטראַליזירן גייט אָן אין דער טייגע, טויזנטער אַרעסטאַנטן בויען עלעקטראָוויעס; וואַסער־דאַמבעס; פאַבריקן; שניידן אויס וועלדער.

אַמטראַגישסטן איז די אַרבעט אין די קוילן־ און אוראַניום שאַכטעס. אַ גרויסער טייל אַרעסטאַנטן אַרבעטן ביי נוקלעאַרע ראַקעטן און אַטאָמישע אונטערוואַסערשיפן. זיי אַרבעטן אָן ווענטילאַציע און אָן מעדיצינישער

אַרגענטינע. פאַרמעגלעכע ידן פון דרום־אַפריקע פאָרן קיין אויסטראַליע אָדער אַמעריקע — אָבער נישט אַ היים, קיין ישראל.

ווידער עקבערט אין געדאַנק: גלות־אַסימילאַציע מיטן לאַנד ווו מיר געפינען זיך. ווי וואָלט די לאַגע פון מדינת ישראל אויסגעזען היינט, ווען די דריי פערטל מיליאָן ישראל־בירגער (יורדים) וואָס ווינען אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס אָדער אויסטראַליע, און דער האַלבער מיליאָן סאָוויעטישע ידן אין אַמעריקע — וואָלטן געווינט היינט אין ישראל? מיר וואָלטן די דאָזיקע ידן געוואָלט האָבן אין מדינת ישראל.

אין דער תורה איז גלות אַ שרעקלעכע קללה. אַ ביטערע שטראָף פאַרן פאָלק. די נביאים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

די נביאים האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ידן קאָנען פירן אַ נאָרמאַל רעליגיעז לעבן אין אַ פרעמד לאַנד.

עזרא האָט נישט געקאָנט אַרויספירן אַלע ידן פון גלות בבל. נאָר די אָרעמקייט. דער ערב רב האָט עולה געווען. די אַריסטאָקראַטן, די כהנים, גבירים זענען געבליבן אין בבל.

כדי צו פאַרענטפערן די פראַגע: זענען אויסטראַלישע ידן אין גלות? דאַרף מען קודם־כל פאַרשטיין וואָס עס מיינט אין די היינטיקע צייטן: גלות. ביי ידן איז נישט תמיד געווען די זעלבע דעפיניציע וועגן באַגריף: גלות.

אין געוויסע צייטן פון דער ידישער געשיכטע, איז גלות באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאָזיטיווע דערשיינונג. אין תלמוד איז פאַראַן אַן אויסדרוק וועגן דער טובה וואָס דער רבונו של עולם האָט אונדז געטאָן דערמיט וואָס ער האָט אונדז צעשפרייט צווישן פעלקער אין דער וועלט.

אַ ידישער פילאָסאָף, שלמה שילער האָט וועגן דעם ארויסגעזאָגט אַ געוואָגטן געדאַנק, אַז: מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם גלות, וואָס מיר עקזיסטירן ביזן היינטיקן טאָג. וואָלטן מיר געבליבן אין ארץ ישראל, וואָלט היינט פון אונדז נישט געבליבן קיין שום זכר, צוליב די כסדרדיקע מלחמות און אינוואַזיעס״.

אין פריערדיקע דורות זענען געווען דריי הויפּטפונקטן אין באַגריף וועגן גלות: שנאת ישראל; שיבת ציון און דאָס גלויבן אין דער גאולה.

גייסטיק און קולטורעל זענען ידן אין די פריערדיקע דורות נישט געווען אין גלות. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע שפּראַך, קולטור און רעליגיע.

אין די לעצטע יאָרן זענען פאָרגעקומען פונדאַמענטאַלע ענדערונגען אין די לענדער, וועלכע האָבן אויפגענומען דער שארית הפליטה, ווי: אַמעריקע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער.

דאָס, וואָס עס קומט היינט פאָר אין אַמעריקאַנער ידנטום איז דער בולטסטער באַווייז פון דער נייער אַנטוויקלונג, וועלכע האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן געווינלעכן באַדייט פון וואָרט: אַסימילאַציע. אַמעריקאַנער ידן לויפן נישט אַוועק פון זייער פאָלק ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט אַ טייל פון די מערב־אייראָפּעישע ידן.

די נייע אַנטוויקלונגען אין אַמעריקע, ווי אין אויסטראַליע האָבן פסיכאָלאָגיש און געזעלשאַפטלעך געענדערט דעם צוגאַנג, וועגן גלות. ידן האָבן דערגרייכט פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין זייערע אַדאָפּטירטע לענדער. דער אַנטיסעמיטיזם, דאָס געפיל פון מאַכטלאָזיקייט איז איינע פון די יסודות פון גלות. קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע ווערט געפירט פון ידן, ווי אויך פון נישט־ידן

טאָפּלטע לאָיאַליטעט איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. ידן קאָנען האָבן צוויי היימלענדער, מיט וועלכע מען קאָן זיין פאַרבונדן סענטימענטאַל און פּראַקטיש.

ביי אַמעריקאַנער און אויסטראַליער ידן גייט אָן אַ געראַנגל וועגן זייער אינדיווידועלן גורל. עס איז ווי עס זאָגט דער לאַטיינישער שפּריכוואָרט:

"UBI BENE, UBI PATRIA"

— דאָרטן ווו מיר איז גוט, דאָרטן איז מיין היימלאַנד.

דער באַגריף גלות — האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעאַליטעט אין די „גוטע״ לענדער, ווו מיר ווינען. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו טאָן מיט אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלער ידישער באַוווסטזיניקייט, אָדער סאָלידאַריטעט מיט ישראל און ציוניזם.

דער לאַנגער ידישער גלות האָט עקסיסטירט אַזוי לאַנג, ווי דער אידעאַל פון אויסלייזונג, פון גרינדן אַ ידישע מדינה איז געווען אַ טרוים. דער חלום איז פאַרווירקלעכט און דערמיט איז דער באַגריף פון גלות מער נישט אַקטועל.


WE EXTEND OUR BEST WISHES
TO THE "KADIMAH"
ON THE OCCASION OF THE
70TH JUBILEE

אונדזערע בעסטע ווינטשן דער „קדימה״
צו איר 70־יאָריקן יובל

**FELIKS and URSULA FLICKER**



**E. & M. HONIG (Aust.) Pty. Ltd.**

TEXTILE IMPORTERS AND WHOLESALERS

2nd Floor,
325 Flinders Lane, Melbourne. 3000
**Phone: 62-5729, 62-1895**

ש. בענעט

# איז אויסטראַליע אַ גלות?

**(באַטראַכטונגען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען)**

דאָס וואָרט גלות איז אַ ספּעציפיש ידיש וואָרט, וואָס שטאַמט פון דער ידישער וועלט־טראַגעדיע.

דאָס וואָרט האָט דעם זעלבן באַדייט אין ידיש, ווי אין זײַן העברעישן טײַטש.. מען קאָן דאָס וואָרט נישט פאַר־טײַטשן אָדער איבערזעצן אין קיין שום שפּראַך. דיאַספּאָראַ — האָט אַן אַנדער באַדייט ווי גלות.

ביי קיין אַנדער פאָלק איז נישט פאַראַן אַזאַ באַגריף, מען זאָל צו אים באַנוצן דאָס וואָרט, ווי ידן באַנוצן עס — גלות.

גלות מיינט לײַדן; צרות; נויט; דערנידערונג. גלות — ווי אַ ידישער באַגריף מיינט באַרויבט ווערן פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער היים.

ביי אַנדערע פעלקער פון די אַלטע צײַטן איז אַזאַ באַ־גריף פאַראַן, זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין אַנדערע לענדער, זיך דאָרטן אַקלימאַטיזירט.

דאָס קאָן מען אָבער נישט פאַרגלייכן מיט דער ידי־שער ליבשאַפט און בענקשאַפט צו ארץ ישראל.

איך משך פון טויזנטער יאָרן, איז דער באַגריף גלות מיטגעגאַנגען מיט אונדז אין אַלע עקן וועלט. גלות איז געוואָרן מער ווי אַ באַגריף. דאָס איז געוואָרן די אַבסאָלוטע כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער עקזיסטענץ אין אַלע לענדער.

נאָכן חורבן פון בית שני, זענען מיר צעשפּרייט גע־וואָרן איבער דער וועלט. דער ערשטער חורבן איז געוואָרן באַצייכנט: גלות בבל. עס האָט זיך דאַן ביי ידן אַנט־וויקלט אַ שולד־קאָמפּלעקס: מיר זענען שולדיק. מיר האָבן געזינדיקט, האָט מען אונדז פאַרטריבן צווישן פרעמדע פעלקער.

האָבן ידן אין גלות שלום געמאַכט מיט זייער גורל, און געבויט דאָ־איקייט. די בענקשאַפט נאָך ציון, ארץ ישראל, ירושלים, האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן.

די גאָר פרומע און וועלטלעכע ידן האָלטן פון דאָ־איקייט. ידן פון אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום אַפריקע האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין זייערע גלות־לענדער מאַטעריעל און גייסטיק.

איז אויף דעם פאַראַן אַ תירוץ. (ווײַל ביי ידן איז אויף יעדע זאַך פאַראַן אַן ענטפער). מען מיינט „ציון של מעלה", „ירושלים און ארץ ישראל של מעלה. משיח איז נאָך נישט געקומען. די גאולה שלימה דאַרף קומען". מיט די, און אַנדערע תירוצים וויל מען אפילו באַרעכטיקן די קעגנערשאַפט צו מדינת ישראל.

פאַר פרומע ידן וואָס דאַוונען יעדן טאָג וועגן ציון, ירושלים, איז נאָך אַלץ נישט קלאָר געוואָרן, אַז די תפלה „ותחזינה עינינו בשבך לציון" איז טיילווײַז מקוים געוואָרן אין אונדזער צײַט. דאָס מיינט, אַז יעדער ייד קען זיך באַ־פרײַען פון זײַן גלות און פאָרן צוריק אין זײַן אייגן לאַנד.

ידן זענען אָבער אויך נישט מער, ווי מענטשן, וועלכע וואַרפן זיך אונטער דעם געזעץ פון דער נאַטור: אַז מען לעבט אַ לענגערע צײַט אויף איין אָרט, קינדער זענען דאָ געבוירן געוואָרן, מ'האָט אַ גוטע פרנסה — לעבט מען זיך אײַן אינעם לאַנד, ווי אין אַ היים.

דאָס טוישן איין היים אויף אַ צווייטער — ווערט שוין אַ פראַגע פון אַן אינערלעכן געראַנגל.

אַמעריקאַנער, ווי אויסטראַלישע ציוניסטן האַלטן — אַז זייערע לענדער זענען נישט קיין גלות. זיי ווילן נישט אויסבייטן זייערע לענדער און ווערן תושבים אין מדינת ישראל.

עס איז צו איינפאַך, דאָס וועלן אויסטײַטשן די שטע־לונג פון די דאָ־יקע מענטשן צו שיבת ציון מיט דעם, אַז זיי לעבן אין אַ גוט לאַנד; פּאָליטיש און סאָציאַל — גלייכ־באַרעכטיקט.

עס זענען פאַראַן טיפערע און ערנסטע סיבות, לויט וועלכע מען קאָן פעסטשטעלן, אַז מיטן אויפקום פון מדינת ישראל אין אונדזער צײַט — ווערט דער באַגריף גלות אַנולירט.

אויב עס איז מעגלעך, אַז מיר זענען מער נישט אין גלות, קאָן דאָך מעגלעך זײַן, אַז ישראל איז נישט מער ווי אַ מקום מקלט פאַר ידן, וועלכע דאַרפן אַנטלויפן פון לאַנד וווּ מען פּייניקט זיי, ווי צום בײַשפּיל — סאָוויעט־רוסלאַנד.

---

שטעט און שטעטלעך — אַזאַ גרויס ליבשאַפט און אַזאַ האַרציקע וואַרעמקייט.

פון די אַלטע און „נײַע" גאָלדענע פעדעם פון ידישן געזאַנג און פון ידישער מוזיק, האָט עטל קאָוועַנסקי אויס־געשפּונען אַזאַ מין מוזיקאַליש געוועב וואָס האָט אויפגע־ציטערט ביי דעם צוהערער די סטרונעס, וועלכע זענען פאַרבאָרגן אין די טיפסטע קעמערלעך פון אונדזערע גע־פילן און אונדזערע טראַגישע און פריידיקע איבערלע־בונגען.

אויף דעם דאָזיקן קאָנצערט האָט עטל קאָוועַנסקי נישט בלויז „גערעדט צו אונדז ידיש" נאָר אויך באַוויזן, אַז זי איז אַ גאָט־געבענטשטע קינסטלערין, וואָס איז געטריי איר אייגענעם קוואַל און קען אויך פאַריידישן פרעמדע קוואַלן פון געזאַנג, אַז זיי זאָלן קלינגען און זיך זינגען אייגנאַרטיק ידישלעך. צום שבח פון דער קינסטלערין עטל קאָוועַנסקי: פּונקט אַזוי ווי זי קען זײַן ערנסט און דערהויבן אין די נאָסטאַלגיש־ראָמאַנטישע לידער, אַזוי אויך קען זי אויך זײַן אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה — שטיפעריש.

י. אַרבאַך

# יידישע קינסטלער — געסט פון „קדימה“

דאָס קינסטלער־פּאָרל — קאַווענסקי און קאַגאַן — זענען אויפגעטראָטן מיט עטלעכע געלונגענע קאָנצערטן אין מעלבורן און סידנעי — אויף דער איינלאַדונג פון „קדימה“.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצע אָפּשאַצונג פון אונדזער רעדאַקציע־מיטגליד יוסף אַרבאַך.

רעדאַקציע

אַ יידיש פאָלקס־וואָרט זאָגט, אַז „וואָס מער יאָרן, אַלץ בעסער איז דער זכרון“, איז טאַקע פאַר מיר און פאַר אַנדערע הונדערטער ליבהאָבער פון יידישן ליד און פון יידישער פאָלקס־מוזיק, נאָך פריש אין זכרון דער ערשטער באַזוך פון די 2 אויבנדערמאָנטע יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן געגעבן מוזיקאַלישע־וואָרט קאָנצערטן אין דעם טעאַטער־זאַל פון „קדימה“ אין דעם יאָר 1977, וואָס קאָנען באַצייכנט ווערן ווי אַ שעדעווער.

מיינע באַמערקונגען זענען געווידמעט די „ענדערונגען“ וואָס די דאָזיקע 2 גרויסע יידישע קינסטלער האָבן אין משך פון די 4 יאָר געמאַכט בכדי צו געבן „עפּעס נייעס“ פאַר דעם יידישן צוהערער און דעם „פיינשמעקער“ מעלאָמאַן. און לאָמיך טאַקע אָן קליפּערלעך און פּליטערלעך אַרויסזאָגן זיך, ווי אַזוי האָבן אויסגעזען און זיך אויסגעווירקט די קאָנצערטן אויסגעפירט דורך די זעלבע אַרטיסטן — מיט די ענדערונגען — אין יאָר 1981, אין דעם זעלבן „קדימה“ טעאַטער זאַל.

דער נייער פּראָגראַם נר. 1 אונטערן נאָמען „ווידער צוזאַמען“ אַראַנזשירט דורך לעוו קאַגאַן, וואָס איז געגעבן געוואָרן זונטיק דעם 20־טן סעפּטעמבער ה"י און איבערגעחזרט געוואָרן 2 מאָל — איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון „עפּעס־נייעס“, דאָס האָט געמיינט — אַ נייַ פּאָעטיש וואָרט און מיט אַן אַלט־נייַ יידישן מאָטיוו און קלאַנג. איך האָב נישט געשריבן דאָס וואָרט — נייַ אין גענצן פיסלעך. ווייל די באַנייאונג האָט געהאַט — סיי אין דער מוזיק־קאָמפּאָזיציע פון לעוו קאַגאַן און סיי אין געזאַנג פון עטל קאָוועסקי דעם „ציטער און פלאָטער“ פון דעם אַמאָליקן גרויסן יידישן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער, וואו עטל קאַוועסקי איז געווען אַ מיטבאַטייליקטע שוישפּילערין און איז אויך די „טרייסט און האָפענונג“ פון דעם באַרימטן העברעאישן טעאַטער „הבימה“, וווּ עטל קאָוועסקי איז אַ שטענדיקע אַרטיסטין.

און... נישט קוקנדיק אויף דער גייסטיקער קינסטלערישער אינטעלעקטועלער שלמות, וואָס עס באַזיצט די אַרטיסטין עטל קאָוועסקי און דאָס גיט איר די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען די מוזיקאַלישקייט פון וואָרט, און די ווירטואָזקייט פון יידישן ליד, נישט קוקנדיק אויף דעם שטאַרק סענסיטיוון אויער פאַר מוזיק און מעלאָדיע פון לעוו קאַגאַנען אין זיינע קאָמפּאָזיטאָרישע שאַפונגען — האָט זיך דאָס נייע אין ערשטן פּראָגראַם נישט דורכגעשלאָגן דעם וועג צו דעם צוהערער און צו זיין אויער, דאָס אייגנאַרטיקע אויער צו יידישער נגינה און צו יידישער פאָלקס־מוזיק.

אַוודאי קען מען זאָגן, אַז סיי עטל קאָוועסקי און סיי לעוו קאַגאַן זענען — אין דער היינטיקער צייט — צווישן די געציילטע קינסטלער מיט אַן אייגענעם מוזיקאַלישן פּנים און מיט אַן אייגענעם סטיל. דאָס מיינט זייער אַ סך! אָבער איך האָב ביי דעם דאָזיקן ערשטן קאָנצערט געוואַכט איבער די מעלבורנער יידישע פיינשמעקער פון אַ יידיש קונסט־ליד און אַ יידיש פאָלקס־ליד און איך האָב געקוקט אויף זייערע פּנימער און בליקן. זיי האָבן נישט אויסגעדריקט דעם „פלאַטער און ציטער“ ווי איך האָב דאָס באַמערקט מיט 4 יאָר צוריק. דאַן האָט יעדער ניגון און יעדעס קנייטש פון עטל קאָוועסקי געהאַט אַן אויסדרוק פון גרויסער קונסט און טאַלאַנט. און דאָס איז געקומען צום פולן אויסדרוק.

✶

„אַלץ איז גוט, ווען דער סוף איז גוט“. דאָס מיינען מיר צו זאָגן וועגן דעם צווייטן פּראָגראַם, אונטערן נאָמען „רעד צו מיר יידיש“ — דער שיר־השירים־קאָנצערט וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 4־טן אָקטאָבער 1981.

די זעלבע פרישקייט, וואָס מיר האָבן געזען און געפילט אין יאָר 1977 האָט זיך איבערגעחזרט אין דער פולסטער און שענסטער מוזיקאַליש־אַרטיסטישער פאָרם. פון אירע קונסט און פאָלקס־לידער — יידישע, העברעאישע און רוסישע — האָט אויסגעשטראַלט די פאַרבונדנקייט פון דעם נייעם היינט מיט דעם יידישן פאָלק, מיט דער יידישער מדינה, און דאָס גיסט זיך צונויף מיט דער וואָרימער נאָסטאַלגיע נאָך דעם פאַרשניטענעם הערלעכן נעכטן, דער „נעכטן“ פון יידישן שטעטל — זשעטל, וואָס האָט פאַרמאָגט — פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע יידישע

פאַרפלאָנטערטע טעלעפאָן־דראָטן... אונטערגעהערטע געשפרעכן, פּאַוואָלינקע וועלן זיי אויסוואַרטן, איך זאָל פאַרלירן די נערוון און נעמען פּלאָנטערן מיטן צונג... זיי ווילן מיך כאַפּן... ביי אַ וואָרט...

— יאָ — האָט ליבע נישט געקאָנט באַנעמען דיין שוויגן. — געטראָפן דעם שוואַרצקאָפּ אין עקלען־סטריט. ער האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ גלעזל קאַווע. ער איז אַ מבין אויף דיר. ער שאַצט אָפּ דיין ווערט, פאַרן קלוב. ער קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן — האָט ער מיר געזאָגט — ווי וואָלט דער קלוב געקאָנט גאָר פונקציאָנירן אָן דיר...

טאַקע ער האָט מיר פאַרזיכערט:

— איר קאָנט פאַרבעטן מענטשן אויף מאָרגן. קיין שום זיצונגען מאָרגן. מאָרגן ביינאַכט איז דער מאַן אייערער.

נו — איצט ווייסטו שוין אַלץ...

אַ קאַלטער שווייס האָט ירוחם'ן באַשלאָגן. די אָנגעשפּאַנטע נערוון זענען מיטאַמאָל לויז געוואָרן. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָוועקגעלייגט ס'טרייבל.

— נישט שלעכט פאַר אַן אַלטן שקלאַף, האַ?

אָפּנים — ליבעס זאָג האָט אים געדופעט...

פון זייטיקן שענקל אין שרייב־טיש, האָט ער אַרויסגענומען אַ פלעשל בראַנדי און אַריינגעגאָסן אין די קאַווע.

— די נערוון... מ׳דאַרף האָבן אַ קאָמפּיוטער, נישט קיין קאָפּ, די אַלע תּרוצים צו סינכראָניזירן...

פון זיך אַליין, כמעט אָן ירוחם׳ס אַריינמישונג, האָט דער בלייפעדער אָנגעדרייט אַ נומער אויפן טעלעפאָן דיסק. ער האָט געוואַרט אויפן אָפּגערעדטן צייכן, אַז מען קאָן רעדן, אַז מערקע איז אַליין.

— מיינע נערוון... מ׳דריקט מיר דאָ ממש צו, צו דער וואַנט. מ׳קוועטשט אַרויס פון מיר דאָס לעצטע ביסל מענטשלעכקייט. ממש אינקוויזיציע. יעדער וויל, איך זאָל העלפן דורכפירן זיין פּראָיעקט... זיך אַרומרייסן מיט אַלעמען פאַר זיינעטוועגן... זיך איינשאַפן שונאים...

דער טאָן, די צוגעקליבענע רייד, האָבן געקלונגען ווי אַ פאַרענטפערונג. ירוחם האָט געשפּירט מערקעס אָטעם אין טרייבל. ער איז געווען איינגעהאַלטן; נערוועז, נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט פון דעם, וואָס ער זאָגט דאָ.

איר שווייגן האָט ער אָנגענומען ווי אַ פאַרגעבונג. ער איז געוואָרן לעבעדיקער.

מאָרגן איז די זיצונג. צווישן ניין און האַלב נאָך... נאָר... געדענק: צוערשט דעם ווייסן שליסל, און דאַן דעם געלן מיט גרינעם רינגל. צינד נישט אָן דאָס ליכט. בראַנדי, איז אויפן זעלבן אָרט...

זי האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעות מיט די שליסלען. זי האָט איבערגעלאָזט דעם אויטאָ אין אַ זייטיקער גאַס. אַלץ האָט ירוחם פאָרויסגעזען. ער איז נישט געווען פון די, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף ניסים. דאָס זיכערסטע אָרט, איז דאָס זייטיקע צימער נעבן ביוראָ. צופעליק שטייט דאָרטן אפילו אַן אַלטע קאַנאַפּע. כאָטש זי האָט אָנגעוויזן אויף באַקוועמערע ערטער פאַר אַ באַגעגעניש וואָס איז פונקט אַזוי זיכער, האָט זי פאָרט געקאָנט ירוחמען: דאָס פאַרגרייטן די פאַרענטפערונג נאָך איידער מען פאַרלאַנגט עס פון אים, איז געוואָרן זיין צווייטער נאַטור. זיכער איז נישט געווען גענוג פאַר אים. ער האָט געוואָלט זיין אַבסאָלוט זיכער.

מיטן בריוו צום מיניסטער איז עס שוין נישט געגאַנגען אַזוי גלאַטיק. דאָס מיסט קערבל איז געוואָרן פול מיט צעקנייטשטע פּאַפּירלעך. דאָ האָט זיך שוין געפּאָדערט נישט קיין קאָמפּאָזיציע, געדרייטע פּיאות און שמעטערלינגען — (פּערפומירטער וואַסער — האָט ער זיך דערמאָנט די רייד פון ליטוואַק) נאָר לעגאַלע טערמינען; קלאָרקייט אין אויסדרוק. דירעקטער צוגאַנג. אַ וויכטיקע אונטערנעמונג הענגט אָפּ פון דעם בריוו, און אַ מיניסטער האָט נישט קיין צייט צו לייענען לאַנגע מליצה...

— ס׳איז נישט אַזוי פּשוט — האָט ירוחם צו זיך אַ זאָג געטאָן — און פאַרלייגט אַ ניי בלעטל אין דער שרייב־מאַשין. אומדערוואַרט האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו אָפּזאָגן דעם אָנגענומענעם פּזמון: קלוב, „פּראָספּעקט״, האָט ער באַלד דערקאָנט דעם היימישן האַלאָ!

— האָסט זיך פאַרבענקט נאָך מיר? האָט ער שטיפעריש אַ פרעג געטאָן ליבען, אָבער ס׳האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן. אין וואָסערע צוויי שעה וועט ער שוין זיין אין דער היים, און דאַן קאָן זי אים לאָזן וויסן דאָס — וואָס עס איז נויטיק, אַז ער זאָל וויסן.

צו וואָס זשע איז דאָס קלינגען?

איר שטים איז געווען אויפגעהייטערט. אפשר אַ טראָפּן אויפגערעגט. ירוחם האָט זיך נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס הינטער דעם טאָן שטעקט. מאָדנע: לעבסט אָפּ מיט אַ מענטשן כמעט אַ לעבן, און פאָרט פאַרבלייבן פאַרבאָרגענישן, וועלכע דו קאָנסט נישט פאַרשטיין. זיינע נערוון — תמיד אָנגעשפּאַנטע. אומעטום זוכט ער סימנים. עס קאָן תמיד געשען דאָס אומדערוואַרטע — וועלכעס ער דערוואַרט...

— געהאַט היינט אַן איבערראַשנדיקע באַגעגעניש — הערט ער ליבעס שטים — און געוויינער געוואָרן...

— אַהאַ — אַ ציטער איז אדורך איבער ירוחם׳ס ביינער. אַ צינד הויבט זיך עס אָן; איצט וועט ער שטיין פאַרן משפּט פון לעבן. אַצינד, הייסט עס, וועט קלאָר ווערן, וואָס פאַראַ ווערט עס האָט זיין פעיקייט צו באַהערשן סיטואַציעס...

דער ערשטער כּלל: שווייגן איז גאָלד. האָט ער געשוויגן.

ליבע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן פון אים, ווי ווייט די נייגעריקייט האָט אים פאַראינטריגירט. האָט זי ווייטער געפּלאַפּלט:

— איך האָב פאַרבעטן מענטשן אויף מאָרגן אָוונט... מען דאַרף אַמאָל זען אַ פריינד אויך...

— אוממעגלעך — האָט ירוחם אַריינגעברילט אין טרייבל — מאָרגן האָבן מיר אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג...

ווייזט אויס — ליבע האָט זיך גאָרנישט ווייסנדיק געמאַכט פון ירוחם׳ס רייד. אפשר גאָר איינפאַך — זי האָט זיי נישט דערהערט, אָדער — ערגער נאָך: זי איגנאָרירט אים פּשוט. עפּעס ווייס זי, וואָס ער ווייס נאָך נישט; איז זי זיכערער ביי זיך... אַ פרווי פון אַ שקלאַף צעבונטעוועט זיך אויך אַמאָל...

זי איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אירע איבעראַשונגען:

— יאָ, זיי וועלן מאָרגן קומען. צווישן ניין און האַלב נאָך...

— אוממעגלעך — האָט ירוחם אויסגערופן מיט אַ פרעמדער שטים, וואָס האָט אים אַליין אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן. דער גאַנצער ענין האָט אים אויסגעזען נישט גלאַטיק.

— ווען האָבן זיי דאָס לעצטע מאָל געהאַט געסט? — דאָס קאָן ער זיך נישט דערמאָנען... איז וואָס איז מיטאַמאָל געשען? האָט זי צופעליק אונטערגעהערט זיין טעלעפאָן־געשפּרעך?

— איך ווייס, איך ווייס — האָט ליבע ווייטער גערעדט, פונקט ווי זי וואָלט שוין אַלץ געוווּסט, און דאָס, וואָס ירוחם האָט נאָר־וואָס געזאָגט, זענען אַרויסגעוואָרפענע רייד. וואַרט זי, ער אַליין זאָל זיך פאַררייד ן?

ליבע האָט נישט פאַרשטאַנען זיין אויפרעגונג:

— זיי נישט אַזוי צעיאַכמעט, נעם אַ ביסל בראַנדי. ס׳פלעשל שטייט ביי דיר אין שרייב־טיש...

— דאָס איז עס. אונטערגעהערט. פאַרפּלאָנטערט די דראָטן...

ירוחם האָט שוין פאַרשטאַנען. ער האָט גאָרנישט געפרעגט.

— דיין פּרעזידענט — מיסטער שוואַרצקאָפּ האָט מיר שוין אַלץ דערציילט...

— איך האָב באַלד געוווּסט — לויפט ירוחמען דורך דער געדאַנק.

ירוחם האָט זיך דערפילט ווי אין אַ ווינדע, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו שנעל. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

ער האָט מיר נאָכגעקוקט... ער האָט מיר פאַררעדט מיט קלייניקייטן, איך זאָל נישט וויסן וווּאַהין ער צילט.

אַצינד ציען זיי ביידע די נשמה פון מיר... מ׳האָט פאַרבעטן געסט. אפשר איז צווישן זיי אויך דאָ אַ סוד... די געסט וועלן זיין דערביי... מ׳וועט דערציילן וועגן

— צי ווייס ירוחם דעם פּריז פון אַ בריוו־מאַרקע? דאָס איז שוין געווען מער ווי א פראַגע — שטייגט דער כעס אין ירוחמען — דאָס איז שוין סאַרקאַזם.

— אַוודאי ווייס איך וואָדען? די מאַרקעס קלעפּט ער, צו עמעץ אַנדערש?

דער ווירטשאַפטלער האָט געשריען געוואַלדן:

— דער רעכענונג פאַר טעלעפאָנען איז ממש אַרויס פון די האַלאַבאַלעס. (אַז ער ווערט בייז, ווייס שוין ירוחם — רעדט פון אים אַרויס דער ליטוואַק) אָבער ירוחם, ווי א קולטורעלער מענטש האָט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַז די טעלעפאָן אויסגאַבן, זענען אויסער יעדער פּראָפּאָרץ...

בלויז איינער, דער פּרעזידענט האָט זיך נישט באַקלאָגט. ער האָט בלויז געמאַכט צוויי באַמערקונגען, פון וועלכע ירוחם האָט קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

— קאָן ער דאָס אַלץ דערציילן ליבען? קודם, שלאָפט זי, ווען ער קומט אַהיים. זאָל ער איר אויפוועקן און באַקלאָגן זיך? וועגן וויכטיקערע זאַכן וועקט ער איר נישט אויף, און בכלל: ער ווייס שוין איר ענטפער:

— וואָס קלעפּסטו אַזוי צום קלוב? מיט דיינע פּיאַי־קייטן ווערסטו נישט פאַרלוירן גיין.

ליבע — זעט אויס — האָט פון ירוחמען געהאַלטן אַ וועלט...

אַצינד — טראַכט ער — איז דווקא די ריכטיקע צייט אַרויסצוווייזן, אַז כאָטש ער איז זייער א וויכטיקער און פאַרנומענער מענטש, דאַרף וועט ער צוליב ליבען צעטרעצלען זיין ווערטפולע צייט אויף היימישע קליינײַקייטן, כדי צו דערווייזן איר זיין זאָרג פאַר דער משפחה.

צוערשט האָט ער געקלונגען וועגן די גאַרדינען. וואָס מיינט ער זיך, דער מענעדזשער, און ווי לאַנג נאָך וועט עס געדויערן. קאָנען זיי נישט קריגן די באַשטעלטע סחורה, וועט ער זוכן עמעצן אַנדערש.

מיטן גערטנער איז עס צוגעגאַנגען א סך לייכטער. באַשטימט וועט ער קומען אַרומשנײַדן די ביימער אידער זיי צעבליען זיך. אפשר שוין מאָרגן. די בלומען־בייטן וועט ער אויך צוגרייטן.

צום סוף האָט ער געלאָזט ליבען וויסן, וועגן זיינע באַמיאונגען פאַר דער משפחה:

— זעסטו — איך נעם א גרונטיקן אָנטייל אין אונדזערע פאַמיליע ענינים...

(דאָס וואָרט האָט ער פאַרצייכנט אויפן טיש־פּאַפּיר, נאָך אַ שמועס מיט אַן אָנגעזעענעם פען־מענטש. דאָס איז ביי אים געווען אַ געוווינשאַפט, אַז בשעת רעדן אויפן טעלעפאָן, אָנצוואַרפן אויפן פּאַפּיר פראַזן, צייכענונגען, גראַפישע אומזיניקייטן, ווערטער וואָס קלינגען שיין).

נאָך דעם, ווי ער האָט ליבען געגעבן אַלע עצות וועגן גאָרטן, כאָטש אין גערטנעריי האָט ער געהאָט אַ קנאַפּן אָנונג, האָט ער א טראַכט געטאָן, אַז אין דעם מאָמענט קאָן דער פּרעזידענט קלינגען, און דאַן וועט ער אים זאָגן, אַז יאָ — שוין אַ שעה זיצט ער ביי דער שרייבמאַשין און קאָמפּאָזירט דעם בריוו צום מיניסטער וועגן דערלויבעניש פאַרן אַרטיסט, וועלכן די רעגירונג האָט נישט קיין חשק צו געבן די אַריינפאָר־וויזע, מחמת ער קומט פון יענעם לאַנד...

דערמאָנט ער זיך, אַז דער ליטוואַק האָט שוין א מאָל צען באַמערקט, אַז ירוחם איז נישט קיין קאָמפּאָזיטאָר, און דאָ דאַרף מען נישט אַרומפידלען, נאָר טאָן אַרבעט, און א חוץ אַלעמען דאַרף מען שרייבן בריוו, און נישט קאָמפּאָזירן זיי...

ירוחם קוקט אויף זיין אַרבעט, נישט פון סתם אַ סעקרעטאַר, נאָר ווי אַן אינטעלעקטואלע באַשעפטיקונג, וואָס מוז אויך צייטנווייז אויספירן לאַנגווייליקע פליכטן, ווי ער טוט עס איצט, ער בלייבט דעם ליטוואַק נישט שולדיק קיין ענטפער:

— מעגלעך, אַז לויט שרייבן בריוו. ביי אים איז אַ בריוו — אַ קאָמפּאָזיציע, וואָס מ'קאָן גלייך אַריינשיקן אין בעסטן ליטעראַרישן זשורנאַל, און מ'וועט עס פאַרצורקערן...

דער ליטוואַק געהערט אויך נישט צו די פאַרשווייגער: — טאָמער לייגט מען אייער קאָמפּאָזיציע אַרויף אויף דער פּיאַנע — מאַכט ער — צעפּוזשעט זי זיך, ווי אַ נאַראַווויסטער פערד...

אַזאַ באַמערקונג קאָן שוין ירוחם נישט פאַרטראָגן — און שלינגט זי אַראָפּ. ער וועט זיך שוין מיטן ליטוואַק צערעכענען אין זיין בוך: „דער דערפאָלגרייכער ליגן". אַ דעמאָלט...

ער האָט אָנגעשריבן די ערשטע שורה, און זיך פאַרטראַכט. — דאָ — מיינט ער — בעט זיך אָפּצוטרעטן פון אָפיציעלן לשון, און אָנשרייבן עפּעס טיפזיניק. עפּעס, וואָס זאָל אַ צופּ טאָן ביי דער נשמה. אַ פּערזענלעכע נאָטקע.

און בכלל:

עס זאָל באַרעכטיקן די מיינונג, וואָס ער האָט וועגן זיין שרייבן, אַז דאָס איז נישט סתם אַ בריוו, נאָר א קאָמפּאָזיציע.

אַז דער בריוו צום וועטעראַן איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער זייגער געוויזן, אַז עס איז צייט פאַר אַ גלעזל קאַווע.

דער עלעקטרישער טשייניק האָט גענומען זידן. אין דער שטילקייט פון ביוראָ האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען דער טעלעפאָן מיט אַזאַ רוגזה, אַז ירוחים האָט געמוזט אַ כאַפּ טאָן ס'טרייבל, אַנישט וואָלט דער טעלעפאָן אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש.

— האַלאָ? — פון די ערשטע קלאַנגען האָט ער דערקענט די שטים. דער פאַרדראָס האָט אים ווידער אַ כאַפּ געטאָן.

מערקע — וויפל מאָל האָב איך דיר געבעטן נישט צו קלינגען אַהער. טאָמער זיצט דאָ עמעצער, מיינט מען באַלד, איך פיר פּריוואַטע געשפּרעכן. ס'פעלן מיר דען אויס צרות?

און פונקט בין איך אַצינד זייער פאַרנומען...

נישט אויסהערנדיק די פאַרענטפערונג, האָט ער אָוועקגעלייגט ס'טרייבל.

דער עלעקטרישער טשייניק האָט דערווייל געטאָן ס'זיניקע. געדיכטע קנוילן דאַמף האָבן זיך געריסן צום סופיט. דאָס פייפל האָט אַלאַרמירט...

טרינקענדיק די קאַווע, האָט ירוחם צוריקבאַקומען דאָס גלייכגעוויכט און גענומען טראַכטן, ווי ס'דאַרף טראַכטן אַ מענטש וואָס איז פול מיט קאָמפּליקאַציעס. (דער אַלטער שקלאַף, האַ?) און מוז דעריבער קאָנען באַהערשן יעדע סיטואַציע מיט קאַלטער לאָגיק. ירוחם איז געגאַנגען אויף איין — פּאַניק — אַפילו אויף אַ רגע — מיינט אויסגליטשן זיך... דעם לוקסוס האָט ער זיך נישט געקאָנט פאַרגינען...

זאָגט ער זיך אַצינד מוסר:

— נישט געדאַרפט נוצן דעם לשון פון אַן איבערגעשראָקענעם, נערוועזן געליבטן, אויף וועלכן עס ציטערט די הויט. און אַז מען גייט אויף אייז, מוז מען זיך דען אויסגליטשן?

נאָך אַלעמען איז ער דאָך ירוחם קלעבער — דער אינטעלעקטואַל און געניטער סטראַטעג. כדי זיך צוצוגעבן מוט, טוט ער אַ זאָג, הויך אויף אַ קול:

מ. אייזענבוד

# ווען עס קלינגט דער טעלעפאָן...

ביים טיר פון ביוראָ איז ירוחם געבליבן שטיין אַ פּאַר־סאַפּעטער. פון צווישן בינטל שליסלען האָט ער נערוועז געזוכט דעם פּאַסיקסטן. די דאָזיקע טואונג איז ביי אים שוין געוואָרן אַ געוווינהייט, וועלכע האָט זיך איבער־געחזרט יעדן טאָג. יעדן טאָג האָט ער געמוזט אויספּרובירן עטלעכע שליסלען, ביז ער האָט געקאָנט אויפמאַכן די טיר.

בשעת מעשה האָט אים געערגערט, וואָס ער קאָן נישט אויפמאַכן די ביוראָ, אָן צו פאַרשפּעטיקן, כאָטש ער איז געווען איבערצייגט, אַז פּינקטלעכקייט איז אַ פּאָזיטיווער כאַראַקטער־שטריך.

אויפן ביוראָ־טיש האָט ער געטראָפן ווי תמיד, בריוו, רעכענונגען; פאַרשריבענע צעטעלעך — באַמערקונגען וועגן דעם, וואָס ירוחם האָט אַלץ נישט דערלידיקט. עס האָט אים דענערווירט אָט די באַציאונג.

— בין איך אַ ראָבאָט וועלכן מ׳דאַרף אָנקאָרמענען מיט אינפאָרמאַציע, אָ נישט וויס איך נישט ווו איין און ווו אויס?

נאָר וואָס? דעם אָנזאָג פון דירעקטאָרן־ראַט מוז מען אויספירן. נישט מער: ער האָט זיך געהאַט זיין מיינונג וועגן די דירעקטאָרן און זייער וויכטיקייט; כאָטש ווען מען איז אַנגעגאַנגען זיין מיינונג, אַז ער איז נישט מער ווי דער סעקרעטאַר פון קלוב: „פּראָספּעקט״. די לאַסט פון דער אַרבעט פאַלט אויף זיינע פּלייצעס: פאַרהאַנדלען מיט אַר־טיסטן; מיט מוזיקער — וועגן קאָנצערטן; מיט רייזע־ביוראָען וועגן פלי־בילעטן און מיט בענק וועגן הלוואות; דעוויזן; צוגרייטן פאַרווײַלונגען פאַר די מיטגלידער און אפילו אַכטונג געבן אויפן בופעט. מיט אַלע עסט מען זיך אויס ס׳האַרץ. קיין זאַך קומט נישט אָן לייכט, און ירוחם מוז אָנווענדן אַלע זיינע פעאיקייטן, טריקן, חכמה׳לעך, ביז ער פירט דורך דאָס — וואָס די דירעקטאָרן האָבן פאַרטראַכט.

שאַצט עס ווער אָפּ? און ער ענטפערט זיך אליין:

— מיט קאַלטער בוכאַלטערישער אויסגערעכנטקייט, באַרעכנט מען די שעהן וואָס ער זיצט אין ביוראָ — און דאָס איז אַלץ. זיין איניציאַטיוו, די פעאיקייטן, די איבער־געגעבנקייט פאַרן קלוב — דאָס פאַרזעט מען.

דער פאַרדראָס שטייגט אין אים, ווי כוואַליעס ערב אַ שטורעם.

— צוליב די פּאָר דאָלער, ביזטו ווי א פייערלעשער. נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. תמיד אויף דער וואַך...

אין דעם דאָזיקן זאָג האָבן זיך צענויפגענומען ליבעס אַלע פאַרדראָסן. דער דאָזיקער זאָג האָט אין ירוחם׳ס אויערן אָפּגעקלונגען ווי אַ וואָרענונג קעגן דער פירונג, וואָס ער האָט איינגעשטעלט. ער האָט דעריבער געמוזט זיין אויף דער וואַך, צוליב דער מורא, אַז דאָס שטריקל קאָן יעדע רגע פּלאַצן...

— נאַכט נאָך נאַכט בלייבן אליין. די קינדער שלאָפן. זיצן און דרימלען ביי דער טעלעוויזיע. רופסטו עס אָן לעבן? צו וועמען זאָל איך אויסרעדן אַ וואָרט? כאָטש נעם און רייד צו דער וואַנט. האָבן אַ מאַן וואָס איז פאַרשקלאַפט צו אַ קלוב... און וואָס קען זיין ערגער, ווי זיין פאַרשקלאַפט צו אַ שקלאַף? אַ יונג ווייב פון אַן אַלטן שקלאַף — געפינט זי נאָך פאַר נויטיק צוצוגעבן...

ירוחם קאָן געשיכטע. אפילו ווייבער פון שקלאַפן צעבונטעוועט זיך אַמאָל. ספּעציעל יונגע פרויען — וועלכע מען פאַרקוקט.

דערווייל האָט ער נאָך נישט אויסגעפונען דעם מיטל, ווי אַזוי דעם אָנקומענדיקן בונט צו צוימען...

ירוחם טוט פאָרט אַ בלעטער די פּאַפּירן אויפן טיש, כדי זיך קלאָר צו מאַכן, וועלכן ענין מען קאָן שוין ווייטער נישט אָפּלייגן.

— בריוו. נאָר מען שרייבט בריוו. וויפל דירעקטאָרן עס זענען דאָ אין ראַט, אַזויפיל פאָרשלאַגן מאַכן זיי — און אַלץ וועגן שרייבן בריוו...

א חוץ שרייבן בריוו, האָט ירוחם פּיינט יעדן טאָג צו מוזן זוכן אַ נייעם תירוץ, אַ פאַרענטפערונג פאַרן פּרעזידענט, וואָס שוין — באַלד אינדערפרי הערט ער זיין פאַרצוקערטע שטים אין טעלעפאָן. דער טאָן שטעכט מיט סאַרקאַזם.

אזוי — הייסט עס — מיינט ער גאָרנישט, דווקא פריינדלעך. ירוחם קען שוין זיינע רגילותן, פון נאָכקוקן אים, אויב ער נוצט נישט די צייט פון קלוב, פאַר עפּעס וואָס זייטיקעס. דער פּרעזידענט איז צופרידן, ווען ירוחם דערציילט אים אַ לייטישע מעשה. ער באַוווּנדערט זיין שע־פערישקייט אויף דעם געביט. ירוחם שטויסט זיך אָבער אָן, אַז ער גלויבט נישט קיין איין וואָרט. אָבער פאָרט, ער טוט ס׳זייניקע.

מיט די תירוצים פאַרן פּרעזידענט וועט ער שוין ווי נישט איז מוזן שלום מאַכן. ער טרייסט זיך, אַז אַפשר וועט ער אַמאָל צענויפנעמען די תירוצים אין אַ בוך, וואָס וועט הייסן „דער דערפאָלגרייכער ליגן״. מען דאַרף וויסן: שרייבן אַ בוך איז אויך געווען זיין חלום. אין בוך וועט ער זיך אָפּנעמען פאַר אַלע דערנידערונגען, וועלכע ער מוז אויסשטיין.

ערגער פון פּרעזידענט — זענען די טענות פון ליבען, זיין פרוי. זי וויל וויסן אַ חשבון פון זיינע נעכט. זי וויל וויסן, צי די אַלע דירעקטאָרן האָבן אויך מער זיצונגען, וויפל נעכט עס זענען דאָ אין דער וואָך.

— די קינדער הויבן אָן פאַרגעסן, ווי דער טאַטע זעט אויס...

די צרה איז — טראַכט ירוחם — וואָס אין דעם שטעקט אַ שטיק אמת.

ירוחם האָט אריינגעלייגט אַ בויגן פּאַפּיר אין דער שרייב־מאַשין — פאַר יעדן פאַל, טאָמער קומט עמיצער אַריין. עמעצן איז איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף איינלאַדן צום פייערלעכן אָוונט פאַרן דיכטער יחיאל דיסק, דעם וועטעראַן. קיינער האָט זיין נאָמען נישט אָנגערופן, ווייל אַלע האָבן גע־וווסט, ווּעמען מען מיינט. עמעצער האָט נאָך צוגעגעבן, מען זאָל שרייבן א וואַרעמען בריוו.

— וועט נישט זיין גענוג אָנצוקלינגען? — דאָס האָט ירוחם זיך געפּרוּווט אָפּדינגען פון שרייבן בריוו.

דער כעס נאָך דער נעכטיקער זיצונג האָט זיך ביי אים נאָך נישט אָפּגעקילט. מען שאַצט נישט אָפּ ווי געהעריק זיינע אויפטוען, און זיינע קענטענישן. מ׳האַלט אין איין באַקלאָגן זיך:

— פאַרוואָס האָט ער נישט געשיקט באַצייטנס די טעלעגראַמע צום אַקטיאָר סילוועסטער?

ירוחם האָט זיך געבעטן:

— דער אַקטיאָר איז אַ פּלאָקן. ער איז נישט ווערט קיין סענט — שוין אָפּגערעדט פון אַ טעלעגראַמע. און אַז עס קומט צו געלט, איז ער יענער קאַנאַרעק.. מען וועט האָבן אַ גראַנדיעזן דורכפאַל...

דער זיידע — הויך מיט אַ ווייסער באָרד, אַן אידעלער, גוטער מענטש.

מיט יצחק׳ן האָב איך געשלאָסן פריינדשאַפט־באַציאונגען.

אין דער באַנייטער באַגעגעניש אין לאָדזש 1945, האָט זיך פאַרשטאַרקט אונדזער פריינדשאַפט. מיר האָבן זיך בײדע אומגעקערט פון דער זעלבער מלחמה: יצחק — פון געטאָ־אויפשטאַנד, און איך פון די פאַרטיזאַנער וועלדער. מיר זענען בײדע אַרויס אויף אַ טור פון פאַרלעזונגען אין די ײדישע צענטערן דאַן אין פוילן. מיר האָבן צוזאַמען געגרינדעט די פח״ח־באַוועגונג (פרטיזנים־חיילים־חלוצים), מיר האָבן זיך צוזאַמען געווענדט צו די טויזנטער ײדישע זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי, זיי זאָלן זיך אָנשליסן צו די בויער פון דעם ײדישן היימלאַנד און צו אירע קעמפער.

לויט יצחק׳ס ביטע, און נאָך זײַן באַזוך אין די פליטים־מחנות אין דײַטשלאַנד בין איך ארויס אָנצופירן די פח״ח־באַוועגונג אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך.

איך האָב ליב געהאַט יצחק׳ן מיט מײַן גאַנצער נשמה.

מיר פלעגן זיך טרעפן אָפט אין תל־אביב, אין אַ רעסטאָראַן ביי אַ גלעזל משקה מיט צובייסן און אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות" — און די שעהן זענען געווען פון די שענסטע וואָס איך האָב געהאַט.

יצחק האָט געלעבט אַ גייסטפולן לעבן: אויף זײַן אַרבעטס־טיש: פון אַ דאָקומענטאַרן בוך, ביז אַ פּאָעזיע־בוך, ביז אַ בוך איבער פילאָסאָפיע. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן ליטעראַרישן געשמאַק; אַ זעלטענער מענטש צום שמועסן. פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט־וויזיע זענען געווען אין זײַן שמועס געשפינט און געוועבט צוזאַמען. בליציקע געדאַנקען, ווונדערבאַרער הומאָר; ײדיש און העברעאיש, געדאַנק און שאַרפזיניקייט — אַלץ וואָס איך האָב ליב געהאַט. פערל, פערל פון זײַן קרישטאָלענער פערזענלעכקייט, באַגייסטערט און באַגייסטערער; וויזיע און ניכטערער רעאַליזים. כ׳מוז מודה זײַן: די באַגעגענישן מיט אים זענען פאַר מיר געווען פון די טיפסטע איבערלעבונגען מײַנע.

לעצטנס האָט ער מיר דערציילט וועגן זײַן רעדע אויף דער פייערונג פון 70־יעריקן יובילעאום פון זײַן פריינד יודקע העלמאַן פון קיבוץ גבת. ער האָט געזאָגט אין גבת: „איך ווייס נישט צי יודקע האָט ווען־נישט־איז געשריבן לידער — ער זאָגט אַז יאָ, אָבער יודקע איז אַ פּאָעט פון טאַטן, פון מעשים". און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זײַן טרעפלעכן אויסדרוק.

און איבער אַלץ: בית לוחמי הגיטאות: פלענער, אַרבעט און א סך רעספּעקט פאַר די, וואָס אַרבעטן מיט אים מיט.

מיט צביה׳ס טויט איז פאַרגעקומען אַ טיפע ענדערונג אין יצחק׳ס לעבן. די ליבע פון יצחק׳ן צו צביה׳ן האָט נישט קיין פאַרגלייכן. וואָס איז נישט געווען אין דער ליבע? ער האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען זיך נישט אונטערגעבן, אָבער אין מײַנע באַגעגענישן מיט אים האָב איך געזען — און ווער נאָך ווי איר קענט עדות זאָגן — ער איז נישט צוריקגעקומען צו זיך. ער האָט נישט איין מאָל גערעדט וועגן זײַנע קינדער מיט גרויס פאַרגעניגן. וועגן שמעון און יעל. שמעון׳ס חתונה און די אייניקלעך — זענען געווען שטראַלן פון ליכט. מיט גרויס פרייד האָט ער דערציילט וועגן זײַן אייניקל און אירע טענץ. אפשר זענען זיי געווען זײַנע קליינע — גרויסע פריידן.

אין איינעם פון זײַנע שמועסן, האָט ער פאַר מיר געשילדערט מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון זײַנע וויטאַקן, וועגן די גרויסע פלענער פון מוזעאום „בית לוחמי הגיטאות" און ער האָט מיך שטאַרק צוגערעדט איך זאָל נעמען אָנטייל אין אויפשטעלן דעם „זאַל פון גבורה" אין מוזעאום. ווען כ׳האָב געבעטן צייט צו באַטראַכטן זײַן פאָרשלאַג האָט ער אויסגעבראָכן מיט אַ פאַרדרוס: „וויפל צייט, מיינסטו, איז אונדז נאָך פאַרבליבן צו לעבן?"

איך האָב אים געענטפערט שטיל, און אינסטינקטיוו: „אַ סך, יצחק, אַ סך". כ׳האָב געפילט, אַז ער רעדט הויפּטזעכלעך וועגן זיך.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע שמועסן — זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט — מיט זײַן פריינד יאָסעק ראַביִנאָוויטש, און האָט צוגעגעבן, ווי אַ פאַראָרדענונג: „פאַרעפנטלעך — נאָר, נאָך מײַן טויט".

כ׳ווייס נישט, און אפשר וועל איך קיין מאָל נישט וויסן ווי שרעקלעך איז געווען די איינזאַמקייט, איינזאַמקייט אין וועלכער ער האָט געלעבט נאָך צביה׳ס טויט, און ווי אוממעגלעך ס׳איז פאַר אים געווען די צעשיידונג — ווײַל מיט איר טויט איז עפּעס אָפּגעשטאָרבן ביי יצחק׳ן אַליין. און מיר אַלע האָבן געהאַט אײַן געבעט ער זאָל קענען פאַרזעצן, און פאַרזעצן צווישן אונדז.

שמעון, יעלי, די שנור מתי און די אייניקלעך,

אויב ס׳איז מעגלעך פאַרמינערן מיט עטוואָס אײַער טיפן טרויער — איז מיט דעם, אַז איר זאָלט זײַן שטאָלץ, אַז אײַער פאָטער איז געווען בײַשפּיללאָז אין זײַן ליבע צו אײַך, אײנציק־אַרטיק אין זײַנע מעשים.

און צו דעם פאָלק אין דער וועלט און צו די קומענדיקע דורות: אין דעם טעמפּל פון כבוד און זכרון פון דעם ײדישן פאָלק וועלן שטיין די העראָאישע געשטאַלטן פון יצחק און צביה — די פאַרליבטע צוזאַמען. ס׳איז אומפאַרגלייכבאַר זייער ליבע און ווונדערבאַר זייער לעבנסוועג.

זיי וועלן בלייבן די מאָראַלישע און גייסטיקע פירערשאַפט פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק אין ישראל און פון דער חלוצישער באַוועגונג — זייער אור־קודאַל.

צו די חברים פון קיבוץ און אונדז — זייערע חברים: מיר וועלן לעבן אין ליכט פון יצחק און צביה — און אונדזערע קינדער און מיר — וועלן שעפן כוחות פון זייער אויסערגעוויינלעכער קראַפט, און שטאָלץ וואָס מיר האָבן געהאַט אַזעלכע.

---

אינטואיציע, אַז די מלחמה פאַר דער ייִדישער און מענטשלעכע ערע אין געטאָ איז אַ נויטווענדיקייט, און אַז אָן דעם אויפשטאַנד וועט דאָס פאָלק נישט קאָנען פאַרדינען זײַן לעבן.

מיט דער אינטואיציע האָבן זיי אַרויסגעשיקט פון דעם ברענענדיקן געטאָ די טעלעגראַמע צו טאַבענקינען און מאיר יערי וועגן די לעצטע חלוצים וועלכע קעמפן פאַר דעם כבוד פון ייִדישן פאָלק.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה נעמט אויף זיך דער חלוץ, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון פירערשאַפט, וואַקסט אויס אַלס צענטראַלע פיגור אין דער חלוצישער קאָמונע, רופט צום ווידערשטאַנד. צוזאַמען מיט צביה׳ן און חברים פון השומר הצעיר שטעלט אויף די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, גיט דירעקטיוון צום ייִדישן אונטערגרונט — אין די אַנדערע שטעט פון פּוילן; נעמט אָנטייל אין דעם אָנגריף פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף די דײַטשן אין קראָקע; מיטגליד פון פּרעזידיום פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון ייִדישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט; ראַנגלט זיך פאַר הילף פאַר דעם קעמפנדן געטאָ; אָרגאַניזירט דעם אַרויסגאַנג פון די איבערגעבליבענע קעמפער דורך די קאַנאַלן; אָרגאַניזירט הילף פאַר די לעבן־געבליבענע ייִדן; נעמט אָנטייל צוזאַמען מיט זײַנע חברים אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד (אויגוסט 1944). — — — — — — — — — — — —

וואָס פאַר אַ ייִדישע געשיכטע האָט יצחק אָנגעלאָדן אויף זײַנע אַקסלען!

און נאָך דער באַפרײַאונג איז יצחק, אַ פאַרערטע געשטאַלט בײַ די פּאַרטיזאַנער, לעבן־געבליבענע ייִדן און בײַ די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען. מען האָט געטראָגן יצחק׳ן אויף די הענט.

יצחק בויט אויף ווידער די חלוצישע באַוועגונג. צווישן די אויפשטעלער פון דער „בריחה" און אומלעגאַלער עליה און אין דער פאַרנומענקייט — און דאָס איז ספּעציפיש פאַר אים — האָט יצחק געקענט ווידמען אויפמערקזאַמקייט פאַר יעדן מענטש וועלכן ער האָט באַגעגנט מיט אַ געפיל, ווי ער וואָלט געטאָן אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע שליחות. ער האָט געשטראַלט מיט נאָבלקייט לגבי יעדן, וועלכן ער האָט באַגעגנט. יצחק איז באַשאָנקען געוואָרן מיט גענאָד פון אַ פירער, אַ קרעפטיקער און אַ באַשײַדענער. יצחק אַלס פירער וועט זײַן אַ מוסטער און אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר יעדן, וועלכער וועט זיך פאַרמעסטן צו זײַן אַ פירער בײַם ייִדישן פאָלק.

אַ פירער — אין ווען ס׳האָט געברענט אַ שטענדיקער פײַער, מיט שטאָלץ און פאַרנונפט.

גלײַכצײַטיק איז יצחק געווען אַ פאָלקס־מענטש, פאַרליבט מיט גאַנצן האַרצן, איבער די אויערן אין פאָלקס־מענטש, אין דער פאָלקס־שפּראַך — ייִדיש, אין ייִדישן וויץ, אין אַ ייִדיש שאַרפזיניקן וואָרט. ער איז געווען געפאַנגען אין צויבער פון מענטשן, וועלכע טוען זייער אַרבעט אָרנטלעך און באַשיידן. און ער, וועלכער פלעגט זיך טרעפן מיט די גרעסטע ייִדישע פירער פון אונדזער צײַט — פלעגט נישט נתפעל ווערן פון זייער אַמט און זייער רום. ער פלעגט רעדן צו זיי מיט שטאָלץ, מיט תקיפות, טרײַ צו זײַן געוויסן און מיט דעם טיפן מאָראַלישן געפיל, אַז ער איז אַ שליח פון דעם אומגעקומענעם פאָלק. ווען יצחק פלעגט רעדן וועגן „ייִדישן מענטש", „ייִדישן כבוד" — פלעגט ער אַרײַנלייגן אין זיי דעם מאַקסימאַלסטן געוויכט.

דער גרויסער צויבער פון יצחק׳ן איז געווען: דער פירער־און־חבר.

דער אָפּשטאַם פון יצחק׳ן איז: ווילנע. ווילנע, די מיסטעריעזע, מיט אירע קעמפער און טרוימער, מיט די האַרעפּאַשנע ייִדישע מאַסן וועלכע האָבן געאָטעמט אין אירע גאַסן, מיט אירע גרויסע דענקער וועלכע פלעגן שפּרײַזן שטיל און באַשיידן אין אירע פינצטערע זאַולקעס און האָבן באַטראַכט מיט זייער חכמה די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון גלות.

„דער צפון־שטערן פאַרן וואַנדערנדיקן פאָלק": „יעדער ייִד איז אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק תהלים", חכמה און תורה, אָרעמקייט און מלאכה — זענען געפלאָסן אין אירע הויפן.

מער ווי אַ שטאָט איז ווילנע געווען אַ גאַנץ ייִדיש פאָלק. פון איר האָט יצחק געשעפּט זײַן גרויסקייט און זײַן באַשיידנקייט און די גײַסטיקע ווערטן וועלכע ער האָט פאַרמאָגט.

צביה און יצחק זענען געווען די ליבלינגען פון טאַבענקינען. זיי האָבן אים באַטראַכט אַלס זייער פאָטער אין דער חלוצישער תורה, אין פרײַנדשאַפט און ליבע. טאַבענקין האָט זיי באַטראַכט ווי זײַנע אייגענע קינדער.

דער קיבוץ לוחמי הגיטאות איז פאַר יצחק׳ן געווען נישט נאָר אַ היים, משפּחה, חברים אַרבעט. זיכער — איז דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען — איז מער פון דעם: עס איז געווען זײַן לעבנס־טרוים אין דעם הימלאַנד.

איך האָב תמיד באַוואונדערט, אין צײַט פון געשפּרעכן — וויפל כבוד ער האָט געהאַט צו יעדן חבר פון קיבוץ, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט און ווי ער האָט געקענט אַרויסברענגען די אַלע גוטע אייגנשאַפטן מיט וועלכע דער חבר איז באַגאַבט.

ס׳איז אויך נישט געווען שווער צו אָפּפילן, וויפל כבוד ס׳האָבן אים אויסגעדריקט זײַנע חברים אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן דאָ אַ פּאָר פערזענלעכע ווערטער:

כ׳האָב זוכה געווען צו יצחק׳ס חברשאַפט און פרײַנדשאַפט. מיר האָבן זיך באַקענט אין ווילנע, אין עלטער פון 17־18 יאָר ער — אַ שילער פון דער העברעאישער גימנאַזיע „תרבות", איך א שילער אין העברעאישן לערערסעמינאַר „תרבות". אין די אָוונטן פלעגן מיר זיך טרעפן אין דער זעלבער געבײַדע "תורת אמת" (אַ שולע) — קרופּניטשע 9. אויפן צווייטן שטאָק סניף החלוץ, אויפן דריטן שטאָק — דער קן פון השומר הצעיר.

אַ געוויסע צײַט האָב איך געווינט בײַ יצחק׳ס זיידן.

דר׳ שלום כאַלאַווסקי

# א גרויסער זון פון פאָלק

אונדז איז געלונגען צו באַקומען די יידישע איבערזעצונג פון דער רעדע, וועלכע ס׳האָט געהאַלטן דר׳ שלום כאַלאַווסקי פון קיבוץ עין השופט, צו די שלושים פון יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) איינער פון די פירער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס איז געווען דער גרינדער פון קיבוץ לוחמי הגיאטות.

רעדאַקציע

**ערשט מיט 3 יאָר צוריק בין איך געשטאַנען דאָ, ביי איך אין קיבוץ לוחמי הגיטאות, אין דער אַנוועזנהייט פון יצחק צוקערמאַן און כ׳האָב גערעדט וועגן צביה ז״ל און כ׳האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אין די שרעקלעכסטע חלומות מיינע, אַז כ׳וועל דאַרפן רעדן וועגן יצחק׳ן וועלכער לעבט שוין נישט מער.**

**ווי שטאָלץ מיר זענען געווען מיט אים, מיר זיינע חברים, אויף דעם וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך; וועלכער האָט מיטגעלעבט די יסורים פון דאָזיקן פאָלק ביזן טיפסטן אָפּגרונט אין זיין איבערקער האָפענונג.**

קודם כל די געשטאַלט אַליין: הויך, שיין, מיט דער קודרע האָר, ליכטיקע קלוגע אויגן מיט אַן אַדלערישן קוק! אַנטעקס אָנוועזנהייט האָט געשפּרודלט מיט אויטאָריטעט, קראַפט און בטחון. און טראָץ דער דיסטאַנץ, האָט זי געשטראַלט מיט באַשיידנקייט און קלוגשאַפט.; אַ געשטאַלט, וואָס האָט מיט איין אויגנבליק דערוואָרבן און צוגעשמידט צו זיך. און זייענדיק אין זיין מחיצה, האָסטו תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז פאַרפלאָנצט אין זיין אָרט און אין זיין צייט — קוקט ער אַלעמאָל ווייטער — איבער דעם האָריזאָנט. זיין לעבן — אַזוי ווי צביה׳ס — איז געווען אויסגעשפּרייט אין פיר עפּאָכעס:

„יידנטום פאַר דעם אומקום; אומקום — און אויפשטאַנד; די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און קיבוץ לוחמי הגיטאות — דער מוזעאום פון אומקום און גבורה. דער פאָקוס פון זיין לעבן — דער אומקום און אויפשטאַנד.

יצחק צוקערמאַן און מרדכי אַנילעוויטש — די קאָמענדאַנטן פון גרויסן יידישן אויפשטאַנד. יצחק צוקערמאַן — אויף דער אַרישער זייט און מרדכי אַנילעוויטש אין געטאָ, האָבן באַנומען מיט אַן איינמאָליקער און טיפער

---

לישע „זיכערע ברעגעס״. מיט דעם נאָגנדיקן געפיל פון בענקשאַפט נאָך דעם עבר, מיט דעם געפיל פון פרעמדקייט אין נייעם אַרום; מיט אינטעגראַציע, מיט אַסימילאַציע, דאָס זענען פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס האָבן זיך אין מטפל געווען פ. גאָלדהאַר, ה. בערגנער; דזש. וואַטען און אַנדערע יידישע און יידיש־ענגלישע שרייבער. ליבערמאַן איז געקומען קיין אויסטראַליע כמעט נאָך אַ קינד. ווי האָט ער אַדורכגעמאַכט די חבלי לידה פון צופּאַסונג־פּראָצעס וואָס יעדער נייגעקומענער מוז אַדורכמאַכן?

זיין שול־חבר שפּילט זיך מיט אים... און לאַכט פון אים אָפּ. צומאָל גיט ער אים קלעפּ, ווייל ער איז אַ פרעמדער, אַ ייד. אין מיניאַטור איז עס אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס קומט פאָר אין דער מיליע פון די דערוואַקסענע — נאָר אָן קלעפּ.

אויב דו ווילסט געזען ווערן נישט ווי אַ פרעמדער, אַסימילירזיך. מאָריס נוסבוים פאַלט אַ קרבן, ווייל ער האָט נישט באַוויזן אין דער קורצער צייט פון לעבן אין אויסטראַליע צו ווערן „אַ ריכטיקער אויסטראַליער״ ווי זיינע אַרבעטס־חברים האָבן עס זיך געווונטשן.

דעם פּראָבלעם פון אַסימילאַציע און די פאַרבונדענע דערמיט קאָמפּליקאַציעס, האָט ליבערמאַן אַוועקגעשטעלט שאַרף (אין דריפטינג). ער האָט נישט געפונען קיין אויסוועג, קיין לייזונג פאַר די צוויי אַנטיפּאָדן. פאָטער און זון. דאָס אנפשרותדיקייט פון פאָטער, אַליין „אַ דריפטער״, פון וועלטלעכקייט צו רעליגיאָזיטעט, הענגט ווי אַ פעלדז אויף שפּיץ באַרג מיט

דער דראָאונג, אַז אָט, פאַלט ער אַראָפּ! דעמאָלט, וואָס ווייטער?...

נאָך אַנדערע, שווערע אינערלעכע ראַנגלענישן פון די העלדן און טיפן קומען בולט צום אויסדרוק אין „צוויי בריוו״; אין דערמאָנטן „דריפטינג״; אין „קונצנמאַכער״ און אין אַנדערע. פון אַלע דערציילונגען, אָנגעלאָדענע מיט דראַמאַטישן שטאָף, לייכט אַרויס די געשטאַלט פון אלטן אייז־קרעם פאַרקויפער מיט דעם פּאַטאָס פון זיין ליבשאַפט צו אַלץ וואָס איז יונג, פאַרקערפּערט אין זיין אייניקל. ער ווייסט אַז ער איז ביים סוף פון וועג, און דאָס גלעקעלע וואָס האָט אַמאָל גערופן די קינדער פון דער גאַס צו געבן זיי די פרייד פון געניוס פון לעבן, קלינגט איצט אין זיין ציטערדיקער האַנט מיטן דערמאָן פון אַמאָליקער פרייד, און מיטן טרויער פון פאַרלוסט.

אין דעם געקלאַנג פון גלעקעלע קלינגען אָפּ די פרוסטראַציעס פון אַ לאַנג לעבן מיט טענער פון אמתער דיכטונג, זעלטן צו געפינען אין אַ „פּראָזאַיש״ ווערק.

„אויף זיכערע ברעגעס״, געשריבן אין אַ פיינעם ענגלישן סטיל, איז אין תוך א יידיש בוך (טיילמאָל אויך מיט נישט־יידישע) פּערסאָנאַזשן, מיט אוניווערסאַל מענטשלעכע, און אוי ווי, מיט אַזויפיל יידישע ברענענדיקע פּראָבלעמען וואָס זוכן אַ תיקון אויסער די בלעטלעך פון בוך.

דאָס בוך איז אַ פיינער אדערויף פאַר די ביכער וואָס דאַרפן, און וועלן קומען.

י. מ. לעוווין

# „אויף זיכערע ברעגעס"

דערציילונגען פון סערזש ליבערמאַן, (ענגליש) מעלבורן 1981

דער מחבר פון בוך „אויף זיכערע ברעגעס" האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַלייכטן און דעשיפרירן אין אַ ראָם פון קורצע דערציילונגען די פאַרפלאָנטערטע אומוועגן פון לײַדנדע נשמות, וואָס זוכן פאַר זיך אַ תיקון און זענען נישט ביכולת צו געפינען מיט אייגענע כוחות, דאָס וואָס זיי זוכן. שטייט דער מחבר, אַ דאָקטאָר פון באַרוף, הינטער די געשילדערטע טיפּן, און העלפט דעם לייענער צו אַנטפּלעקן דעם באַהאַלטענעם מעכאַניזם פון יעדער געשעעניש, ווי טריוויאַל אָדער וויכטיק זיי זענען. זײַן מעטאָד ביים צייכענען דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָפיל פון אַ טיפּ איז פון אַ פאָרשער־אַנאַליטיקער מיט דער באַפאַרבונג פון אַ כראָניקער, געפּאָרט מיט דער וואַרעמקייט פון האַרץ פון אַ הומאַניסט.

עס איז פאַראַן אַ כלל, אַז אין אַ ליטעראַריש ווערק דאַרפן לאָגיק און געפיל גיין האַנט אין האַנט, אַז די צוויי עיקרים בלייבט עס הויל, אָן אַ נשמה. אַ ווערק מוז אויך האָבן אַ מוסר השכל. די יאָדער אַרום וועלכער די געשעענישן, די האַנדלונגען פון די העלדן גראַוויטירן, ווי די ערד אַרום דער זון.

האָט סערזש ליבערמאַן מצליח געווען אין דער אויפגאַבע וועלכע ער האָט זיך געשטעלט? דער ענטפער איז — יאָ!

סערזש ליבערמאַן זעט נישט נאָר דאָס שלעכטע, ווען ס'ווערט שוין גאָר טונקל געפינט ער אַ ליכטשטראַל, וואָס באַלייכט די פינצטערניש. אין „די היירעט" צעשטערט אַ נאָכנישט געבוירן קינד דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן פון אַ יונג פּאָרפּאָלק.

דאָס קינד וואָס האָט צעשטערט, ווערט נאָכן געבוירן ווערן — דער פאַקטאָר פון אויפבוי, פון דעם ווידער צוזאַמענלעבן פון אַ צעריסן פּאָרפּאָלק. אויף די טונקעלע חורבות פון דעם נעגאַטיוון, האָט דער מחבר אויסגעבויט דעם שיינעם בנין פון פּאָזיטיוון — דאָס דערמאָנט אין דעם בעל־שם־טובס שיטה וועגן גוטס און שלעכטס.

„נישטאָ, — האָט ער געלערנט — קיין אַבסאָלוט שלעכטס. פאַראַן אַביסל ווינציקער גוטסקייט; אַ מאָל — גאָר ווייניק גוטסקייט. אָבער אויפן סאַמע דעק בלייבט דאָך אַלעמאָל איבער אַ ביסל פון דער דאָזיקער גוטער מידה".

מיט אַן ענלעכער פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע באַשעפטיק זיך דער מחבר אין „ראַפאַעל לאַזאַרוס". „ראַפאַעל לאַזאַרוס" איז געצייכנט מיט אַ פאַרביקן, קרעפטיקן עקספּרעסיאָניזם און דער סיוזשעט דערמאָנט אין „דער פּאָרטרעט פון דאָריאַן גרעי", וואָס האָט אין זײַנער צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער ליטעראַרישער וועלט.

דער מאָלער לאַזאַרוס איז באַהערשט פון אַ ניהיליסטישן יאוש. אַלץ איז הבל הבלים. דער טרויעריקער אמת, אין לאַזאַרוסעס טראַכטן איז, אַז אונטער דער אויבערפלעכלעכער שיינקייט פון לעבן, לויערט דער טרויער פון פאַרגענגלעכקייט. דער שרײַבער — דאָקטאָר, וואָס איז פאָרשעריש און אינטים מיט זײַנע פּאַציענטן, זײַנע טיפּן, געפינט נישט קיין רפואה פאַר לאַזאַרוסעס ניהיליזם. ער געפינט דאָך אין דעם קראַנקן קינסטלערס נעגאַטיוון טראַכטן אַן עלעמענט פון קעמפערישקייט, אין תוך אַ פּאָזיטיווער שטריך אין דער מאַניפעסטאַציע פון נעגירן דאָס לעבן.

די ראָם פון די 17 דערציילונגען וואָלט געקענט אויסגעברייטערט ווערן צו גרעסערע שטחים. פאַראַן אין זיי גענוג ווערטפולע בוי־ציגעלעך ראוי צו שאַפן פון יעדער דערציילונג אַ גרעסער ווערק, נאָר דאָס איז נישט געווען די אויפגאַבע פון מחבר. ער האָט דערוויזן, אַז פון דער אייביקער פּראָבלעמאַטיק פון „ער" און „זי" מיט אַלע מעגלעכע קאָנסעקווענצן — ביי געמישטע חתונות, נישט געמישטע פּאָרלעך, איז דאָך ווערט די טירחה פון באַטראַכטן זיי, אונטערן פיזיאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישן מיקראָסקאָפּ. דער אויספיר, נישט אַלעמאָל קיין פריילעכער — ווי ס'געשעט געווינטלעך אין לעבן.

ס'איז נישט מעגלעך אין אַ קורצן איבערזיכט צו באַשעפטיקן זיך מיט פּרטים, מיט „פּאַלמעסן" יעדן זאַץ כדי אויסצוגעפינען דעם „אַנדערן מיין". אַן אַנדערע באַדייטונג אַרויסגעבראַכט ציל־באַוווסטזיניק, אָדער ווי עס געשעט אַ מאָל, „אינטואיטיוו" פון מחבר. מען קען אָבער נישט אַדורכלאָזן וואָס עס בולט זיך אין דער דערציילונג. די סיטואַציעס; דעם פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט פון אַ טאַטע, אַפילו פון זעלבסטמאָרד, (דער פילאָזאָף), אָדער דאָס פרייוויליקע אָפּזאָגן זיך פון פּערזענלעך גליק לטובת דער יינגערער געליבטער פּערזאָן (צוויי בריון) צי גאָר דאָס פּרוּוון צו פאַרלאָטען אַ צעבראָכן לעבן (די היראַט). אַלע אויסגערעכנטע צושטאַנדן און טראַכטונגען פון די העלדן וויברירן מיט דעם לעבעדיקן פּולס פון אַ רעאַלער אַקטועלקייט. די דערציילונגען אָטעמען מיט דער פרישקייט און אָנלאָדונג פון נישט געפעלשטע געפילן און ווערן דערהערט מיט דער אינערלעכער שמיעה פון לייענער ווי אַ רעזאָנאַנס פון אייגענער דערפאַרונג. דער לייענער וועט אַליין קענען געפינען אין די דערציילונגען דעם אַזוי גערופענעם קינסטלערישן אמת, וואָס זאָגט: עס האָט באמת געקענט זײַן אַזוי, ווי די פאָרשטעלונגס־קראַפט פון שרײַבער האָט געשילדערט.

„צוויי יאָר אין גלות" איז אַ טעמע באַקאַנט יעדן נײַעם אימיגראַנט, וואָס האָט באַטראַכטן די אויסטראַ־

און ער האָט גענומען די פּאָס, אויפצוהויבן עס און זיך גענומען גיין צוריק צו דער שטאָל.

און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ קול פרעגט אים: „וואָס ווילסטו?"

נאָר ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ דאַכטעניש. ערשט ווען ער האָט געהערט דאָס קול אין זיין אינגעווייד פרעגן אים נאָכאַמאָל וואָס ער וויל, האָט ער אַראָפּגעשטעלט זיין פּאָס אויף דער ערד, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פלאַם, ער האָט געשלאָסן זיינע אויגן און אויפגעהויבן זיין פּנים צום פייער־רויטן הימל.

נאָר גערעדט האָט ער נישט, ווייל געוואוסט האָט ער, אַז ער איז אומריין. האָט ער געלאָזט זיינע ווערטער אין דער מחשבה אַזוי צו זאָגן:

„גאָר נישט קיין גרויסעס פאַרלאַנגט דער קנעכט פון זיי ליב־זעליקן האַר. נישט קיין גרויסעס. דו האָסט ביי מיר געלאָזן אַוועקנעמען מיין פרוי און מיינע קינדער — אָבער איך וויס אַז דו האַר, ווייסט פאַרוואָס דו טוסט עס. מיינע שבתים זענען צעשטערט געוואָרן און די קרוין וואָס דו האָסט מיר אָנגעטאָן — די תפילין זענען פון מיר צוגערויבט געוואָרן. מיין צונג טאָר דיין נאָמען נישט דערמאָנען ווייל איך ווער פון טרפות דערנערט".

„וואָס ווילסטו?" האָט ער געהערט דאָס קול אין זיין קאָפּ.

„איך וויס, אַז דו, באַשעפער און האַר פון דער וועלט האָסט מיך אָנגעגרייט איך זאָל דיין נאָמען הייליקן און דערפאַר וועסטו מיר דיין אייביקן שכר געבן..."

„זאָג גיכער וואָס דו ווילסט, איידער די מזלות נעמען דיך אַוועק פון מיר", האָט ער געהערט דאָס קול ווידער אַמאָל.

„כ'וויל נישט קיין שכר! האָט ער אויסגעשריגן, נאָר האַלט אונטער מיין געפאַלנקייט, כ'זאָל שטענדיק קענען גלויבן אין דיר. אויב נישט וועל איך פאַרלוירן ווערן אין מיין יאוש".

„וואָס ווילסטו?" האָט דאָס קול געפרעגט ווי אַ לעצט מאָל גאָר בייזלעך.

„קום האַר און גיי נעבן מיר, כ'זאָל וויסן אַז דו שטייסט ביי מיין רעכטער האַנט. דאָס איז אַלעס".

און עס איז געווען, אַז ער האָט אָפּגעזאָגט זיינע ווערטער, ערשט דער אָרום איז ווי איינגעשלונגען געוואָרן און ער האָט פאַרנומען די ווערטער וואָס ער האָט געהערט:

„איך בין דיין גאָט. דער גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב און דיין תפילה האָב איך געהערט, ווייל זי איז נישט געווען אַ תפילה פון רחמים. רחמים וואָלט מיך נישט דערגרייכט ווייל די טויערן פון רחמים זענען געשלאָסן. אָבער ווייל דו האָסט געבעטן צו קענען מיך דינען מיט דיין גאַנצן האַרץ, וועל איך שטענדיק זיין מיט דיר און וועל גיין ביי דיין רעכטער זייט ביזן לעצטן טאָג פון דיין לעבן. ווען דו וועסט אויסדרייען דיין פּנים צו דער רעכטער זייט וועסטו זען מיינע טריט נעבן דיינע. גלייך וועלן זיי זיין אין אויסזען, ווייל ווי אַ פריינד וועל איך זיין צו דיר אַלע טעג פון דיין לעבן".

און ס'איז געווען, אַז דער מאַן יהודה־יידל האָט צוריק געעפנט זיינע אויגן האָט ער גלייך געקוקט אויף דער ערד אין דער רעכטער זייט און אָט זע! דער צייכן פון פוס טריט, איז ערשט געווען נעבן אים. נאָר ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, וואָרום גאָטס־פאַרכטיק איז ער געווען און ער האָט געוווּסט, אַז הקב"ה איז מקיים וואָס ער זאָגט־צו.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און נאָך צוויי טעג פון קוקן כדי צו זען אויב הקב"ה גייט מיט אים, ווי ער האָט אים צוגעזאָגט, האָט יהודה־יידל געטראַכט אַ טראַכטעניש, אַז נישט גוט איז צו צווייפלען, אויב זיין באַגלייטער גייט טאַקע מיט אים און ער האָט זיך געטאָן אַ נדר, אַז ער וועט מער נישט קוקן צו זען די טריט פון האַר נעבן זיינע.

און דער האַר האָט יהודה־יידל אַרויסגענומען פון דער שטאָט פון טויט און ער האָט נאָך דערלעבט אויפצושטעלן אַ ניי הויז און לעבן אַ לעבן וואָס איז געווען גוט און אַמאָל — ווי עס טרעפט מיט מענטשן — שווער און מאַנכעס מאָל אַפילו זייער שווער.

נאָר יהודה־יידל, האָט אַלעס גענומען פאַר ליב ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין פריינד גייט ביי זיין זייט.

און אַז עס איז געקומען די צייט נאָענט פון אַוועקגייך פון דער וועלט, האָט אַ פריינד צו אים גערעדט אַזוי צו זאָגן:

„יהודה־יידל, אַ מענטש דאַרף מאַכן אַ חשבון הנפש. קוק צוריק און בעט מחילה פאַר דעם וואָס דו האָסט געזינדיקט".

און יהודה־יידל האָט געטאָן לויט דעם ראַט פון זיין פריינד און נאָכאַמאָל אַדורכגעקוקט זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, כדי צו וויסן אויף וועלכע זינד ער דאַרף תשובה טאָן. ערשט אַ גרויסער צווייפל האָט אַ ריס געטאָן זיין האַרץ, וואָרום ער האָט געזען, אַז דאָרט אויף די ערטער וואו עס איז אים געווען שווער אין טאָל פון יסורים — דאָרט איז געווען נאָר איין פּאָר פוס־טריט. און ער האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט, האַר?"

„און די שטימע פון זיין האַר האָט ער אַליין נאָר געהערט:

„איך בין נישט קיין מענטש וואָס זאָל אָפּנאַרן, און נישט קיין באַשעפעניש פון בלוט און פליש וואָס זאָל חרטה האָבן אויף מיין וואָרט. איך בין שטענדיק געגאַנגען מיט דיר".

און דער צווייפל פון יהודה־יידל איז דערגאַנגען ביז צום אָפּגרונט און ער האָט אויסגעשריען: „איך זע נאָר מיינע אייגענע טריט אין טאָל פון ביטערניש בלויז איין פּאָר פוס טריט זע איך אין די אַלע טאָלן, נישט דיינע".

און די שטימע וואָס ער האָט געהערט איז געווען טרויעריק:

„כ'באַדויער וואָס דו צווייפלסט. געמיינט האָב איך דאָך, אַז דיין אמונה איז גאַנץ, און געפרייט האָב איך מיך דערויף, ווייל געוואָלט האָב איך, אַז כאָטש איינער אין אַלע דורות זאָל האָבן אַ גאַנצן גלויבן אין מיר".

איז יהודה־יידל געוואָרן גאָר טרויעריק און געזאָגט:

„וואָס זאָל איך טאָן מיין האַר? איך זע אָבער, אַז אין די אַלע שווערע רגע'ס פון מיין לעבן בין איך געגאַנגען אַליין. בלויז מיינע טריט זע איך".

און די שטימע האָט גערעדט שטיל און מיט צער:

„די טריט וואָס דו זעסט, זענען נישט דיינע. דו וואָלסט אַ סך טיפעניש נישט איבערגעשריטן אָן מיין הילף. אין אָט די טיפענישן בין איך געגאַנגען טראָגנדיק דיך אויף מיינע הענט..."

יהודה־יידל האָט חרטה געהאַט אויף דער רגע פון זיין צווייפלען אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

א. ציקערט

# און ס'איז געווען...

דערציילונג

(אַ מעשה פאַר קינדער און פאַר דערוואַקסענע. פאַר פרומע לייט און פאַרגעשריטענע. פאַר די־וואָס וויסן אַלעס וועגן גאָט און מענטש און פאר די וועלכע וויסן גאָרנישט).

ויהי, און עס איז געווען אין א שטעטל אין מדינת פוילן האָט געוווינט אַ מאַן מיט נאָמען יהודה. און גערופן האָט מען דעם מאַן אויף יידיש, יידל.

און דער יהודה־יידל איז געווען אַ גאָטס־פאָרכטיקער און אַן ערלעכער מענטש און ער האָט געלערנט זיין פרוי און זיינע קינדער צו גיין אין די וועגן וואָס זענען ליב אין די אויגן פון גאָט און צו נעמען פאַר ליב גאָטס טאוונגען, אַפילו ווען זיי קוקן אויס נישט צו זיין צום גוטן, וואָרום — אַזוי האָט דער מאַן יהודה — יידל געלערנט — גאָטס טאוונגען זענען שטענדיק צום גוטן.

און ס'איז געווען אין די טעג ווען דער האַר פון דער וועלט האָט אויסגעגאָסן זיין גרימצאָרן אויף זיין פאָלק און האָט די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב איבערגעגעבן אין די הענט פון די רשעים הגערמאַנים בני עמלק יש"ו, אין יענע טעג האָט דער גאָטספאָרכטיקער מאַן יהודה־יידל אויסגעטראָגן די קללות וואָס זענען אין די טעג פון אַמאָל געשיקט געוואָרן אויסצופרואוון דעם דינער פון גאָט — איוב.

זיינע קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר זיינע אויגן, זיין כשרה פרוי איז פון צער משוגע געוואָרן און ער אַליין איז גענומען געוואָרן צו דער שטאָט פון טויט, וואָס איז גערופן געוואָרן בירקענאַו; וואָס מיינט דאָס וועלדל פון בערעזינקעס. און גאָרנישט איז אים געבליבן פון דעם וואָס איז געווען זיינס נעכטן און איערנעכטן.

און דער מאַן יהודה־יידל האָט נישט ווידערגעשפעניקט די טאָט פון גאָט, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז גאָט ב"ה איז גערעכט, און זיין משפט איז גערעכט.

און עס איז געווען, אין דער שטאָט פון טויט אין דעם וועלדל פון בערעזינקעס האָבן די גערמאַנים בני עמלק יש"ו אויסגעשטעלט פיר גרויסע טעמפלען צו דעם אָפּגאָט מולך (מוילעך) וואָס נעמט צו מענטשן דורך זיינע פייער צונגען, און די בני עמלק האָבן די פיר אָפּגעטער געשפּייזט מיט רבבי רבבות (צענדליקער און צענדליקער טויזנטער) נפשות פון יידישן פאָלק. און די פלאַמען פון די מזבחות האָבן זיך געצויגן אַרויף צום הימל און דער ריח פון די קרבנות האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם גאַנצן לאַנד.

און ס'האָט געטראָפן, אַז דער מאַן יהודה־יידל האָט געוווינט אין אַ גרויסן פערד־שטאַל מיט אַ סך הונדערטער מענטשן וואָס זענען געווען גלייך ווי ער, די קנעכט פון די קינדער פון עמלק און זיי האָבן אַלע געוואַרט אויף זייער שעה פון טויט, ווען זיי וועלן אויפגעפרעסן ווערן דורכן גאָט מולך, אָבער דערמיט וועלן זיי הייליקן דעם נאָמען פון דעם איינציקן גאָט פון דער וועלט וואָס זיין נאָמען איז, הקב"ה וואָס מיינט — דער הייליקער געלויבט איז ער.

און אַזאַ מנהג איז געווען אין די שטאַלן וואו די קנעכט האָבן גענעכטיקט. די טירן פון די שטאַלן זענען פאַרנאַכט געשלאָסן געוואָרן און קיינער האָט נישט געקענט אַריינקומען אָדער אַרויסגיין.

און ווייל די קנעכט זענען געווען אַ סך אין צאָל און זיי האָבן אויך אין דער נאַכט געברויכט טאָן זייערע מענטשלעכע געברויכן האָבן די קינדער פון עמלק יש"ו געהייסן אַריינשטעלן אַ פאַס אין יעדער שטאַל און זיי האָבן געזאָגט: יעדע נאַכט וועט שטיין אַ שומר ביים פאַס. ער וועט נאָכקוקן, אַז די וואָס דערליידיקן זייערע געברויכן זאָלן נישט פאַראומרייניקן אַרום דער כלי און ווען דאָס פאַס וועט ווערן פול זאָל דער שומר עס אַרויסטראָגן און אויסליידיקן דאָרט, וואו עס מעג אויסגעלידיקט ווערן.

און ס'איז געווען, אַז אין א נאַכט פון די נעכט איז יהודה־יידל גערופן געוואָרן דורכן עלטסטן פון די קנעכט וועלכער האָט צו אים אַזוי געזאָגט: דו וועסט זיין היינט ביינאַכט דער שומר און דו וועסט אַרויסטראָגן די פאַס ווען עס וועט פול ווערן. און ס'וועט זיין — אויב די שטאַל וועט פאַראומרייניקט ווערן מיט דעם קלענסטן אומרייך וועסטו מאָרגן איבערגעגעבן ווערן צום גאָט מולך און אויב דו וועסט אָפּהיטן אַלעס וואָס איך האָב דיר באַפוילן וועסטו בלייבן לעבן.

און דער מאַן יהודה־יידל האָט זיך געפאָרכט אַ גרויסע פאַרכט פאַר זיין לעבן און ער האָט אָפּגעהיט, אַז אַלעס זאָל זיין ריין און ציכטיק און ווען די פאָס איז געוואָרן פול,האָט ער עס אַרויסגענומען אינדרויסן און עס אויסגעליידיקט דאָרט וואו מען האָט געדאַרפט עס אויסלידיקן.

און ס'איז געווען, אַז יהודה־יידל איז אַרויסגעקומען אינדרויסן פון דער שטאַל איז אים באַפאַלן עפּעס וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געוואוסט, וואָרום ער האָט קיינמאָל פריער נישט געזען די שטאָט פון טויט ביינאַכט, וואָרום פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן איז ער געווען אַלע פריערדיקע נעכט אין די שטאַלן פון דער שטאָט פון טויט.

און אַז ער האָט שוין געהאַט אויסגעליידיקט דאָס פאַס פון אומרייך און איז געווען אויף זיין וועג צוריק צו דער שטאַל, ערשט דעמאָלט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז שטיל, גאָר שטיל, איז די שטאָט פון טויט־ביינאַכט ווען די טויערן פון די שטאַלן זענען פאַרשלאָסן. אַז ליכטיק איז דער הימל איבער דער שטאָט פון טויט ביינאַכט פון די פייערן פון די מזבחות וואָס גייען אויף ביז צום הימל.

און דער מאַן יהודה־יידל איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף די פייערן וואָס זענען אויפגעגאַנגען פון די מזבחות און ער האָט געטראַכט אַ טראַכטעניש, אַז ענלעך צום ברענענדיקן דאָרן זענען די פלאַמען וואָס ער זעט, וואָרום ווי דער דאָרן פון מדבר, וואָס האָט זיך באַוויזן צו משה רבינו אַזוי איז געווען דאָס פייער פון מולך; עס האָט געברענט און האָט געברענט און האָט נישט אויפגעהערט.

און ער האָט געטראַכט אַ טראַכטעניש וואָס ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט אין ווערטער וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אומריין פון קאָפּ ביז צום קלענסטן נעגעלע פון דיינע נאַקעטע פיס.

האָט ער תפילה געטאָן אין זיין מחשבה אַזוי צו זאָגן: „גאָט פון ברענענדיקן דאָרן — ביזן ברענענדיקן דאָרן! טו אויס דיינע שיך, וואָרום דאָס אָרט וואו דו שטייסט איז הייליק, ווייל איך גיי שוין באָרוועס. איך וועל נישט צוגיין זען פאַרוואָס דער דאָרן אין פלאַם ווערט נישט פאַרברענט — ווייל איך וויס, אַז ער ווערט יעדן טאָג געשפּייזט מיט נייע שפּייז".

און ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום פלאַם

יעקב ראָזענבערג

# צוויי לידער

## מיין זיידע

מיין זיידן **אבא ברעסלער** ז״ל

אַט שפּאַנט ער, מיין ליכטיקער זיידע,
אין וואָלקן אויף זאַמדיקן שליאַך,
אַ שטאָלצער אַזוי ווי די אבות,
אין לאַנד פון אייביקן תנ״ך . . .

די ליפּן צעפּלאַטערט אין שמייכל,
צאַרט — ווי אין פרילינג אַ ווינט,
די באָרד ווי עס פּאַסט פאַר אַ זקן,
נאָר אויגן — נאָך יונג פון אַ קינד.

און גלייך אין זיין טראָט אויסגעמאָסטן
אויף הינטן פאַרוואָרפן די הענט —
ווי נאָענט איז מיר איצטער מיין זיידע,
כאָטש כ׳האָב אים גאָר ווייניק געקענט.

כ׳געדענק נאָר זיין פנים פון בילדער,
צעהאָנגען אויף שטוביקע ווענט,
איבער אַן אָפענעם ספר,
מיט ווייסע, אידעלע הענט.

כ׳געדענק אויך זיין ניגון ביים לערנען,
מיט בענקשאַפט פון ספר אַרויס —
און אפשר געציילטע מינוטן,
אין זיידנס וואָרעמער שויס.

אַן אביון געווען אינדערוואָכן,
מיט עול און שווערן געמיט.
נאָר שבת — אַ מלך, אַן עושר,
מיין זיידע — דער אייביקער ייד.

איצט זע איך נאָר ווי אין חלום —
מיין זיידן אויף זאַמדיקן שליאַך,
און ליבע שטראַלט פון זיין פנים,
די ליבע און חכמה — פונעם תנ״ך . . .

## די צעבלוטיקטע האַנט

דאָרט וווּ מיין זיידנס בילד איז געהאָנגען,
אין מיין מאַמעס שטוב אויף דער וואַנט —
איז לדורות אַ צייכן געבליבן;
אַ ווייסע צעבלוטיקטע האַנט . . .

האָבן די גוים אין שטוב פון מיין מאַמען,
דעם צייכן מיט פאַרבן פאַרדעקט.
דאָך האָט להכעיס זיך ווידער באַוויזן,
דער נאַסער, בלוטיקער פלעק . . .

האָבן די גוים אין ווילדער רציחה,
מיט העק צעטרייבערט די וואַנט —
איז דאָך ווי אַ כישוף אַלץ נאָך געבליבן,
די ווייסע, צעבלוטיקטע האַנט . . .

האָבן די גוים צום פלעק זיך געבויגן,
מיט חניפה — געצלמט זיך פרום,
האָט די אַלטע וואַנט זיך צעעפנט —
בלוטיק, גרוזאַם — און שטום . . .

דאָרט וווּ מיין זיידנס בילד איז געהאָנגען,
אין מיין מאַמעס שטוב אויף דער וואַנט,
איז ווי אַ וואָרענונג אויף דורות געבליבן,
מיין זיידנס בלוט און זיין האַנט . . .

## פאַרלוסטן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט

מיר באַערן די שרייבער, וועלכע זענען אוועק אין דער אייביקייט אין משך פון יאָר:

**יהודה קערש** — לאַנג־יאָריקער יוגנט־דערציער, לעקטאָר און מחבר פון צוויי בענד וואָגיקע און באַלערנדע עסייען. מיטאַרבעטער פון ידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין דער וועלט. תל־אָביב

**בנימין שלעווין** — מחבר פון אַ צאָל ראָמאַנען און דער־ציילונגען. דער עיקר געשריבן אין בעלעטריסטישער פאָרם וועגן די פּאָליטישע רייבונגען און שטרעמונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. איבערגעריסן מיטן לינקן לאַגער. פּאַריז.

**ד״ר דוד ספאַרד** — איינער פון די אינטעליגענטסטע שרייבער פון פוילן. נאָכן באַזעצן זיך אין ישראל, אין די סוף 60־ער יאָרן, איבערגעריסן מיטן לינקן לאַגער און אויסגעדריקט זיין חרטה אין אַרטיקלען און פּאָעמעס. מיטאַרבעטער פון ערנסטע זשורנאַלן און צייטונגען. ירושלים.

**משה שולשטיין** — אָנגעזעענער, באַגאַבטער פּראָלע־טאַרישער דיכטער אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן. אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער פּאָעזיע און פּראָזע. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — איבערגעריסן מיטן לינקן לאַגער. פּאַריז.

כבוד זייער אָנדענק!

בלוטיקטע און פאַרבלאָטיקטע הענט און נשמות האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז מיר מאַכן אַ חורבן פון ירושלים, און די נטורי־קרתא שליסט זיך אָן אין דעם כאָר מיט געשרייען „פאַרלעצונג און פראָפאַנאַציע".

אונדז וווּנדערט אָבער ווען מיר לייענען, אַז צו די אומדערהערטע דעמאָנסטראַציעס פון די נטורי־קרתא (און אויסערלעכע שונאים וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַזעלכע אַקציעס) האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן דער הרב הראשי, הרב עובדיה יוסף.

✶

די יידישע מדינה איז געבויט אויף דעמאָקראַטיע. אויב ס'איז פאַראַן אַ מינדערהייט וואָס האַלט, אַז מען דאַרף נישט באַשטעטיקן אונדז געשיכטע דורך אַרכעאָלאָגישע פאַקטן — ווייל אַלץ איז געשריבן... איז עס זייער רעכט.

גאָר עפּעס אַנדערש איז ,ווען די מינדערהייט וויל מיט כוח פון ברוטאַלע דעמאָנסטראַציעס, מיט דראָען פון אַ חרם — אָנוואַרפן איר געדאַנקענגאַנג אויף אַן איבערווייגנדיקער מערהייט. איז דאָס דער וועג פון תלמידי חכמים וועלכע דאַרפן פאַרמערן דעם שלום?!

ביז איצט האָט נאָך קיינער פון די רבנים — מיט אַלע זייערע באַוואָרענישן — נישט געוואָגט צו פאָדערן דאָס, אויף וואָס ס'דערלויבט זיך דער רב הראשי: — פשוט אַרויפלייגן אַ חרם אויף אַרכעאָלאָגיע בכלל.

✶

קען זיך ווער פאַרשטעלן מיט וויפל אַרעמער ס'וואָלט געווען אונדזער מדינה, ווען די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע און נטורי־קרתא האָט די אויפזיכט איבער אַרכעאָלאָגיע?!

עס וואָלטן נישט אַנטפּלעקט געוואָרן אַזעלכע ערטער ווי: — מצדה חצור, אָדער די גאָר לעצטנס אַנטפּלעקונג פון מערת הנטיפים — היילן אין וועלכע ס'געפינען זיך סלופעס פון קריסטאַליזירט וואַסער. דאָס זענען ערטער וועלכע האָבן באַקומען אַ וועלט־נאָמען. אָט איצט לייען איך אין דער ישראל־פּרעסע, אַז אין יריחו האָט מען אויסגעגראָבן אַ ווייַן־פּרעס, וואָס זאָל שטאַמען פון די צייטן בית שני.

✶

אָט האָב איך זיך לעצטנס אָנגעטראָפן אויף אַ בריוו געשריבן אין יאָר 1896 פון דעם גאון הרב מר מרדכי עליאשבערג ע"ה און אַן ענטפער פון ד"ר פינסקער ע"ה, וועגן אַ שטרייט, וואָס איז דעמאָלט געווען צווישן דעם חלוקה (צדקה) עלעמענט און דעם יישוב בכלל.

דער בריוו איז זייער לאַנג און מיר נעמען אַרויס עטלעכע זאַצן:

„...ווען יידן האָבן געבראַכט קרבנות אויף דעם מזבח איז דאָס פייער פון קרבן תמיד געווען פאַר דער גוטסקייט פון פאָלק און דאָס צווייטע פייער איז דער קרבן פון הדיוט. אויך איצט — שרייבט דער גאון — דאַרף מען האָבן די צוויי פייערן: אַ פייער פון תורה (רעליגיע) און אַ פייער פון חכמה (וויסנשאַפט).

...ווען דאָס פאָלק האָט געהאַט זיין לאַנד איז תורה און חכמה געווען אַ נאָרמאַלע זאַך, ווייל ביידע האָבן געשטאַמט פון איין קוואַל.

אָבער זינט דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן דאַרף עס לערנען און אויך אונטערשטיצן די צוויי פייערן, כאָטש זיי קומען פון צוויי אָפּגעזונדערטע קאַלן: — תורה פון די גדלי ישראל און חכמה פון די גדולי העמים.

אויב מיר ווילן עפּעס טאָן פאַר דער טובה פון אונדזער פאָלק, דאַרפן מיר ווידער די צוויי פייערן פאַראייניקן אין איין פלאַם און שיינען ווי אַ מאָל" (פרייע איבערזעצונג פון עברית).

יאָ! אַזעלכע גרויסע יידן ווי דער אויבן דערמאָנטער רב, מיט אַזויפיל מסירות הנפש פאַרן פאָלק, האָבן נישט געהאַט אין זינען פּאָליטישע מאָטיוון. זיי וואָלטן זיכער נישט גערופן צו דעמאָנסטראַציעס, אָדער געסטראָשעט מיט אַ חרם — נאָר וואָלטן געהאַלפן פונאַנדערפלאַקערן ביידע פייערן: תורה און חכמה, ווייל זיי קענען זיין אַ ברכה פאַר דעם פאָלק און לאַנד.

דורך געמיינזאַמע טאָלעראַנץ וועלן מיר זיין בכוח אָקעגנצושטעלן זיך אַלע כוחאַליעס, וועלכע שטרעבן אונדז איינצושלינגען.

אין אַזאַ צייט וועט זיך באַשטעטיקן דער זאָג פון רבי חנינא, אַז ס'זענען נויטיק די 2 פייערן: תורה און חכמה, אויף וועלכע ס'האָט אָנגעוויזן דער חשובער רב עליאַשבערג ע"ה.

די מעשים פון די נטורי־קרתא און אַלע זייערע נאָכלויפער זענען באַשטימט נישט קיין מעשים לשם שמים!

---

## פון דער רעדאַקציע: „מעלבורנער בלעטער"

מיטן היינטיקן נומער (29) צייכענען מיר אָפּ 6 יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ.

דער צוגאַנג פון „קדימה"־קאָמיטעט, אַז דער זשורנאַל דאַרף זיין אַ צוויי שפּראַכיקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ריכטיקער. אַ דאַנק אונדזערע באַמיאונגען צו געבן אָרט פאַר פאַרשידענע שטאַנדפונקטן אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן; אַריינציען אין דעם יידישן ווי אין ענגלישן טייל אַ וואָס גרעסערע צאָל מיטאַרבעטער — האָט דער זשורנאַל דאַרף זיין אַ צוויי שפּראַכיקער, האָט זיך אַרויסגעוויזן וועלט, צווישן שרייבער און קולטור־טוער. מען דערמאָנט אָפּט אונדזער זשורנאַל אין דער גרעסטער יידישער צייטונג: „פאָרווערטס".

מיר האָבן אָנגענומען ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז די לייענער גיבן זיך אָפּ א חשבון, אַז די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען אין די אַרטיקלען דריקן אויס די מיינונג פון די מחברים, און נישט תמיד די מיינונג פון דער רעדאַקציע, אָדער דעם „קדימה"־קאָמיטעט.

אין דער ענגלישער אָפּטיילונג איז אגב וועגן דעם דאָ אַ באַזונדערע מעלדונג. מאַכן מיר עס אַצינד **אָפיציעל.**

ביי דער געלעגנהייט, ווינטשן מיר אונדזערע מיטאַרבעטער, לייענער און אונטערשטיצער; די דרוקער, וועלכע באַמיען זיך אַז דער זשורנאַל זאָל זיין עסטעטיש און צו דער צייט — די אַלע וואָס פאָרן אַרויס אויף די זומער־וואַקאַציעס, אַ גוטן און אַנגענעמען אָפּרו. פאַרברענגט גוט און קומט צוריק געזונטערהייט.

לאַנד און ווידער באַנייען זיין נאַציאָנאַלע און פאָליטישע פרייהייט״ . . .

צי האָבן מיר טאַקע געטרוימט צו האָבן אַ לאַנד ווו אַ מינאָריטעט נעמט זיך דאָס רעכט אָנצוואָרפן איר מיינונג אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג?! צי הייסט וואַרפן שטיינער, אַריינהאַקן נעגל אין די רעדער פון די אויטאָס, וועלכע געהערן צו די אַרכעאָלאָגן — פרייהייט — און דערמיט פאַרשוואַרצן ישראלס פנים?!

ערגער פון אַלץ איז, וואָס ביז איצט האָבן מיר געפונען אַ כלומרשטע טרייסט, אַז דאָס שלעכטס ווערט געטאָן פון אַן אומבאַדייטנדיק הייפל: נטורי קרתאניקעס, האָט אָבער די לעצטע אַקציע קעגן דער אויסגראָבונג געוויזן, אַז כמעט די גאַנצע אָרטאָדאָקסיע מיט דעם ח׳ רב הראשי זענען געאייניקט, און זיי דערקלערן, אַז זיי וועלן זיך אַקעגנשטעלן מיט אַלע מיטלען... און נישט דערלאָזן, אַז ד״ר יגאל שילה זאָל פאָרזעצן די אויסגראָבונגען...

פרובירט ווער פרעגן, היתכון?! אויף וועלכן סמך נעמען זיי זיך די דאָזיקע רעכט?

ס׳האַנדלט זיך דאָך וועגן וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען אַדורכגעפירט דורך גרויסע געלערנטע. דער ענטפער איז אָבער: „ס׳שטייט געשריבן״ — און פטור אַן עסק!

✶

ס׳האָט גענומען צייט און ס׳איז ביי מיר געוועזן אַ גאַנץ נישקשה׳דיקער ויתרוצצו ביז איך האָב זיך געאייניקט מיטן געדאַנק, אַז אויך אַ ייד פון די תפוצות האָט דאָס רעכט אויסצודריקן זיין מיינונג וועגן דער יידישער מדינה. סיי וועגן אירע דערפאָלגן און סיי וועגן אירע דורכפאַלן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען מוז דאָ קאַטעגאָריש אויסשליסן די רעכט פון דעם תפוצה־ייד אויסצודריקן די מיינונג וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער זיכערקייט פון דער מדינה און איר באַפעלקערונג. אָבער אין די פראַגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי: עקאָנאָמיע, קולטור, ספאָרט א.א.וו. האָבן די באַרופענע אינסטאַנצן פון די תפוצות דאָס פולשטענדיקע רעכט צו לאָזן הערן זייער שטים. נאָך מער: איך וואָלט אפילו ריזיקירט צו זאָגן, אַז ס׳איז די פליכט פון אַלע ערלעכע און באַרופענע דערצו — אויסצודריקן זייער מיינונג, ווייל דאָס קען נאָר אונטערשטרייכן זייער איבערגעגעבנקייט צו דער מדינה.

די קריטיק פון די ישראלים: — „שוויגט! איר זיצט דאָרט און מיר זענען דאָ״... איז — אין ליכט פון די לעצטע געשעענישן, לחלוטין אָפגעפרעגט געוואָרן, ווייל מען קען נישט שאַפן אַ פראָצעדור פון אַ פערמאַנענטער טעאָריע וואָס באַשטייט פון אַרויפוואַרפן פליכטן אָן רעכטן.

דער תפוצה־ייד ווערט מיד פון די אָפטע שלוחים, וועלכע קומען כסדר פון אים מאָנען און ער דאַרף זיין אַ פאַסיווער שב ואל תעשה, אין גאַנצן אומאַקטיוו, אַלץ אויפנעמען מיט ליבשאַפט.

מיר האָבן געהערט אויף דער יידישער ראַדיאָ פראָגראַם — פרייטיק, דעם 18טן סעפטעמבער ה. י., דעם ח׳ קאָאָרדינאַטאָר פיניע רינגעלבלום ציטירן בעגינען: „אויף אייך, יידן אין אַמעריקע ליגט די פליכט צו טאָן אַלצדינג בכדי נישט צו דערלאָזן דאָס פאַרקויפן געווער פאַר סאַודי־אַראַביע״.

דאָס זענען גרויסע פליכטן — קענען זיין פליכטן אָן רעכטן?!

צי קען מען, למשל, פאַרווערן אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג וועגן די אויסגראָבונגען, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט דעם פסק־דין, פון דעם רב־הראשי וועגן דעם ענין.

אגב, לויט ווי ס׳גיט איבער די „ירושלימער פאָסט״ פון פרייטיק, דעם 21־טן אויגוסט, האָט פראָפ׳ יגאל ידין אויף דער טעלעוויזיע — ווו ער איז אויפגעטראָטן צוזאַמען מיטן רב־הראשי — איבערצייגט אפילו רעליגיעזע יידן, אַז דער ח׳ רב ווייסט נישט וואָס ער רעדט, וואָס שייך די לעצטע אויסגראָבונגען.

פראָפ׳ יגאל ידין קען זיין אַ שלעכטער פאָליטיקער — ער איז אָבער אַ גרויסער אויטאָריטעט אויפן געביט פון אַרכעאָלאָגיע.

✶

דאָס אַרטיקל הויבט זיך אָן מיט אַ ציטאַט פון דעם תנא רבי חנינא: — תלמידי חכמים פאַרמערן דעם שלום אויף דער וועלט.

אין מוח עגבערט: — ווי וואָלט געווען, ווען דער תנא לעבט היינט אין ישראל? צי וואָלט ער אויך געקענט אונדז לאָזן הערן זיין זאָג וועגן די תלמידי חכמים? ס׳איז צוויפלהאַפט. דער שלום ביי יידן איז דאָך דאָרט אין גאַנצן נישט בנמצא, קומט אויס, אַז דאָרט זענען אין גאַנצן נישטאָ קיין תלמידי חכמים?! להיפך: אין ישראל לאָזט זיך דאָך מערקן וואָס אַ מאָל שטאַרקער די אַגרעסיווקייט פון די רעליגיעזע בריונים, וואָס טוען אָן מעשים, אַז עס פאַלט ממש אַ שרעק אויף דעם פשוטן ייד, ווען ער טראַכט צו וואָס דאָס אַלץ קען דערפירן. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש וואָס די מאָטיוון (דאָס מאָל אַרכעאָלאָגישע) זענען אונטער אַ שטאַרקן פראַגע־צייכן. דער אָרטאָדאָקסיעס באַהויפטונג, אַז: „לויט אויסגראָבונגען זאָל דאָרט האָבן געווען אַ בית־הקברות מיט 700 יאָר צוריק״ — קלינגט דאָך ממש גראָטעסק, ווען די אויסגראָבונגען האָבן שוין דערגרייכט אַ פיל העכערן שטאַפל.

די געפאַר פון פאַרשוועכן מצבות, איז חלילה, נישט קיין געפאַר מצד די ארכעאָלאָגן. פאַרקערט, די לעצטע טוען אַלץ מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ, בכדי אָפצוהיטן זייער כבוד.

✶

נישט פון היינט און נישט פון נעכטן שרייען די אַראַבער און גאָר באַזונדער די פ.ל.אָ., אַז די יידישע אַרכעאָלאָגיע מיט די אויסגראָבונגען אין ירושלים און אומגעגנט — האָבן אַ טענדענץ צו רואינירן דעם כאַראַקטער פון דעם אַראַבישן טייל, פון דער אַלטערטימלעכער שטאָט.

מילא, אז די נטורי־קרתא מענטשן האָבן זיך פאַראייניקט צום אַרגומענט פון אונדזערע שונאים, האָט אונדז לחלוטין נישט געוווּנדערט: — די פ.ל.אָ. מיט אירע פאַר־

# א. זילבער

# צוויי פייערן – תורה און חכמה

תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם (רבי חנינא).
— געלערנטע פאַרמערן דעם פרידן אויף דער וועלט

מיט אַ צייט צוריק האָט מען געזען אויף דעם טעלע־וויזיע־עקראַן אַ בילד, וואָס האָט געמאַכט ציטערן אַ ייִדיש האַרץ און ממש פאַרקילט די אָדערן, אַז אַזאַ דערשיינונג קאָן פּאַסירן ביי אונדז ייִדן (אַ קליינינקייט אַ ביסל — עם סגולה!).

מען האָט געוויזן אַ צונויפגעשטויס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים צווישן ייִדן און דער ייִדישער פּאָליציי, וועלכע האָט געמוזט זיך באַנוצן מיט שטעקנס און אַנדערע „מכשירים" אָפּצושטויסן די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע זענען געקומען שטערן די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אָנגעפירט דורך ד"ר יגאל שילה, באַשטעטיקט דורך דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. (דאָס איז די העכסטע אינסטאַנץ אויפן אַרכעאָלאָגישן געביט).

ווער זענען די דעמאָנסטראַנטן, און פאַרוואָס דעמאָנסטרירן זיי?

מען דאַרף נישט זיין קיין האָר־שפּאַלטער, בכדי צו ענטפערן אויף בידע פראַגן: דאָס זענען מענטשן, וועלכע ווילן צוריקדריייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע, ווי טייער דער פּרייז זאָל נישט זיין, פאַר דער מדינה, אָדער ווייפל חרפּה דאָס זאָל ניט פאַרשאַפן. זייער האַנדלונג קען חלילה דערפירן צו אַזאַ כאַאָטישן צושטאַנד ווי אין איראַן, וווּ עס רעגירט דער פאַנאַטיקער אַיאַטאָלאַ כומייני, רחמנא ליצלן.

דאָס איז די נטורי־קרתא מיט אירע נאָכפאָלגער. אויף דעם עקראַן האָט מען געזען: — ייִדן מיט שוואַרצע כאַלאַטן, שטריימלעך, ייִדן מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות. (ווען און וווּ האָבן די ייִדן געלערנט און געפונען אַ היתר, אַז מען מעג וואַרפן שטיינער אום שבת, אַפילו פאַר אַ דבר מצווה, איז שווער צו פאַרשטיין, ווייל אין בעסטן פאַל איז עס דאָך אַ מצווה הבאה מתוך עבירה).

מילא, אַזוי לאַנג ווען דאָס ווערט געטאָן דורך די נטורי קרתא־עלעמענטן, איז עס נאָך אַ האַלבע טרייסט. זענען זיי דאָך די, וועלכע שיקן בריוו צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאַראַייניקטע פעלקער — וווּ די מערהייט זענען אונדזערע גרעסטע שונאים — בריוו קעגן דער אָנער־קענונג פון דער מדינה. פון זיי קען מען אַלץ דערוואַרטן.

עס איז אָבער אַ סך ערגער, ווען קעגן די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען טרעט אַרויס דער רב הראשי דער ח' רב שלמה גורן מיט זיינע נאָכפאָלגער און מ'גיט אַרויס אַ פּסק־דין, אַז מען טאָר נישט ...

דאָס אַלץ פּילט אָן מיט פּיין דעם אמתדיקן ייִד. דער ערלעכער ייִד פרעגט: „צי קען מען פונדאַנען דערוואַרטן, אַז „כי מציון תצא תורה"? צי אויף דעם האָבן מיר תפילה געטאָן און געהאָפט 2000 יאָר?

✶

די פריהייט־דעקלאַראַציע פאַר דער ייִדישער מדינה, געלייענט דורך בן־גוריונען ע"ה, דעם 14טן מאַי 1948 — הויבט זיך אָן מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„אין ארץ ישראל איז אַנטשטאַנען דאָס ייִדישע פאָלק, דאָרט איז אויסגעפאָרעמט געוואָרן איר גייסטיק, רעליגיעז און פּאָליטיש געשטאַלט... דאָרט איז געגעבן געוואָרן פאַר דער גאַנצער וועלט דאָס אייביקע בוך, דער תנ"ך... נאָך דעם ווען דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן מיט דעם כוח פון דער שווערד... האָט דאָס פאָלק נישט אויפגעהערט צו בעטן און האָפן פאַר אומקערן זיך צו זיין אינהייטן קיין סיני. דאָס וועט שטאַרקן די שלום־איני־ציאַטיוו פון „קעמפּ־דייוויד".

בכדי די פּאָליטישע דערקלערונג פון דעם וויצע־פאָר־זיצער פון דער לייבאָריסטישער פאַרלאַמענטאַרישער פראַקציע זאָל נישט זיין קיין „איין שטימיקע", האָט דער פאָרזיצער פון דער לייבאָריסטישער פאַרלאַמענטאַרישער פראַקציע צוגעטראָגן זיין „אויטאָריטאַטיווע" מיינונג, אַז די רעגירונג פון בעגינען אין מדינת ישראל, איז פון דער גרעסטער געפאַר פאַר דער גאַרער וועלט"...

האָבן די היינטיקע פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ספּעציעל די „אויסגעלינקטע" פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין אויסטראַליע, עפּעס געלערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט?

די „נייע" רעדעס און „נייע" קאָמענטאַרן פון די היינ־טיקע „לינקע" וואָס קעמפן מכלומרשט פאַר דעמאָקראַטיע און פריהייט, מאַלפּעווען נאָך די „אַלטע" רעדעס און די „אַלטע" קאָמענטאַרן, וואָס עס האָבן געמאַכט די „לינקע" און קאָמוניסטישע נאָכלויפער אין די יאָרן 1938־1941.

זיי האָבן מיט די זעלבע ווערטער אויפגעוויזן, אַז אַמעריקע און אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע מלוכות אין אייראָפּע זענען מלחמה־העצער און זענען אַ געפאַר פאַר דעם וועלט־שלום, נאָר די נאַציס און זייערע מיטהעלפער זע־נען פאַר שלום. דעריבער קען ראַטנפאַרבאַנד שליסן אַן אָפּמאַך מיט די פירער פון דייטשלאַנד.

אין רעזולטאַט פון די פאַלשע זינלאָזע פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס פון די דעמאָלסטיקע „לינקע" און „אויסגעלינקטע" (און ייִדן צווישן זיי) איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה מיט די שוידערלעכסטע רעזולטאַטן פאַר די פעל־קער פון אייראָפּע, און אַמשוידערלעכסטן — פאַרן ייִדישן פאָלק.

הלוואי זאָל איך זיין אַ פאַלשער נביא: די „נייע" רע־דעס מצד די „נייע" לינקע און „אויסגעלינקטע" אין יאָר 1981 קעגן מדינת ישראל און דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק — קענען ווידער דערנענטערן און דערפירן צו אַ 3־טער וועלט־מלחמה מיט אַלע גרויזאַמקייטן און פאַרניכטונגען, נישט בלויז פאַרן ייִדישן פאָלק, נאָר פאַר דער מענטשהייט בכלל.

וואפן, ווערט דערקלערט פון דער אמעריקאנער אדמיניסטראציע, אז דאס וועט פארשטארקן די „מעסיקע" עלעמענטן. איז אינטערעסאנט צו פארנאטירן, אז דער באוווסטער פאלעסטינער פראפ. פון הארווארד וואליד קהאלאדי האט לעצטנס מודה געווען, אז דער קעניג כוסיין און סאוד אראביע האבן פראוואצירט נאסערן צו דער מלחמה אין 1967. ער שטעלט פעסט, אז זיי האבן גערייצט נאסערן, אז ער באהאלט זיך הינטער דעם פארטוך פון או טאנט'ס (געוו. גענעראל סעקרעטאר פון די פאר. פעלקער) סיני כוח. ווי באוווסט, האט נאסער אויפגעפאדערט או טאנטן ארויסציען דעם סיני כוח און אזוי האט זיך די מלחמה אנגעהויבן.

אזוי ווייט די ראלע פון די „מעסיקע"...

✶

די אלגעמיינע שטימונג ביי ידן איז בלי ספק א געדריקטע, אבער עס איז נישטא קיין גרונט פאר יאוש. געווען ערגערע צייטן.

אין 1955 האבן אמעריקע און ענגלאנד געדריקט אויף ישראל צוריקצוגיין צום חלוקה פלאן פון 1947. אוועקגעבן דעם נגב צו מצרים. דזשאן פאסטער דאללעס האט קלאר געמאכט אמעריקעס שטעלונג אין זיין אנטי ישראל רעדע דעם 26־טן אויגוסט 1955. אן ענלעכע אנטי־ישראל שטעלונג איז געקומען צום אויסדרוק אין אנטאני אידענס רעדע דעם 9־טן נאוועמבער 1955. (א פאר חדשים שפעטער ווען נאסער האט נאציאנאליזירט דעם סועץ קאנאל האט דער זעלבער אנטאני אידען זיך געבעטן ביי בן גוריון ארייצומארשירן קיין סיני...).

ווער געדענקט היינט דזשאן פאסטער דאללעס אדער אנטאני אידען? בן־גוריון האט אפגעווארפן די אמעריקאנער־ענגלישע פלענער צוריקציען זיך צו די חלוקה גרענעצן פון 1947. — מנחם בעגין — מיט דער פולער אונטערשטיצונג פון גאנצן ישוב ווארפט היינט אפ די פלענער צוריקצוגיין צו די גרענעצן פון 1967 און צו שאפן א פ.ל.א. מדינה.

ישראל איז היינט אין אן אומפארגלייכבאר בעסערער און שטארקערער פאזיציע, ווי אין 1955.

אפילו דער „אויל דרוק" האט פארלוירן זיין וואגיקייט. מער און מער אומאפהענגיקע פאליטישע וויסנשאפטלער קלערן אויף, אז דער ישראל־אראבישער שלום, האט ווייניק וואס צו טאן מיט דעם אויל פלוס פונעם מיטעלן מזרח. דער ענין איז א קאמפליצירטער, אבער פון א גאנץ אנדערן כאראקטער. ער ליגט אין דער נישט סטאבילקייט פון די רעזשימען און די אינטער־אראבישע רייבונגען.

דווקא אין די באדינגונגען איז די סטאבילע און שטארקע מדינת ישראל דאס גרעסטע סטראטעגישע פארמעגן פון אמעריקע אין דעם ראיאן.

„דאס איז דאס איינציקע לאנד ווו די אמעריקאנער קענען לאנדן אן עראפלאן — מארגן".

י. ארבאך

# עס רעדט פון אים ארויס...

אין משך פון חדשים קומט פאר אין אויסטראלישן פארלאמענט די דיסקוסיע: דארף אויסטראליע זיך באטייליקן אין דעם באוואכונגס־קארפוס אין מדבר סיני, צוזאמען מיט אמעריקע, נאך דעם ווי ישראל וועט זיך צוריקציען, און עגיפטן וועט איבערנעמען די טעריטאריע, ווי דאס איז פארויסגעזען אין „קעמפ־דייוויד" שלום־אפמאך.

די אויסטראלישע לייבאר־פארטיי איז קעגן שיקן מיליטער פארן דאזיקן קארפוס.

דער וויצע־פארזיצער פון דער פארלאמענטארישער פראקציע פון דער לייבאר־פארטיי מר. באוען, האט געגעבן וועגן דער פראגע אן אינטערוויו פארן מלוכישן ראדיא אי.בי.סי.

מיר ברענגען דא דעם אינטערוויו, און די קאמענטארן פון פר' ארבאך, וועלכער איז א מיטגליד פון דער לייבאר־פארטיי.

**סאציאליזם און פרייהייט, זענען א חוץ אידעאלאגיעס — אויך מאראלישע באגריפן. בכדי צו קענען געווינען אנהענגער פאר די דאזיקע אידעאלאגיעס, מוז מען פריער אליין זיין אין ארדנונג מיטן אייגענעם געוויסן.**

**דאס איז געזאגט געווארן אנטקעגן דעם לעצטן אינטערוויו פון וויצע־פארזיצער פון דער לייבאריסטישער פראקציע אין פארלאמענט אין קאנבערא, „חבר" באוען, וועלכן ס'האט אינטערוויואירט א זשורנאליסט פון דער ראדיא־סטאציע אי.בי.סי. אין מעלבורן.**

**איז וואס־זשע האט אזא פאליטישע פערזענלעכקייט געזאגט? „רעיגען און בעגין זענען פאשיסטן, מלחמה־העצער און שטערער פון שלום אין דעם מיטעלן מזרח. מדינת־ישראל איז איז אן אגרעסיוו לאנד. דער באווייז: ישראל האט באמבארדירט און פארניכטעט דעם אטאמישן רעאקטאר אין איראק, וואס איז אויפגעבויט געווארן בלויז לשם שלום־צוועקן. ישראל האט באמבארדירט „פ.ל.א."־באזעס אין לבנון, וואס זענען געווען אויסשליסלעך וווינונגס־הייזער פון אראבישע פליטים. דער „קעמפ־דייוויד" שלום־איניציאטיוו איז באנקראט און דער סאציאליסטישער פירער פון פראנקרייך — דער איצטיקער פראנצויזישער פרעזידענט — איז אן אומדירעקטער מיטהעלפער פון די פאשיסטן רעיגען און בעגין, מיט אקצעפטירן דאס שיקן א מיליטערישע אפטיילונג קיין סיני".**

**אויף די פראגן מצד דעם אי.בי.סי.־זשורנאליסט דערקלערט מר. באוען: אז סאודי־אראביע מיט אירע אויטאקראטן און פרינצן, ליביע מיט איר פירער קאדאפי און אלע אנדערע אויל־מאגנאטן, פלוס סאוויעט־רוסלאנד — זענען די אמתע שלום־זוכער און זיי זענען גערעכט פון אלע שטאנדפונקטן, וואס זיי ווילן נישט דערלאזן, אז די מערב־מלוכות און אויך אויסטראליע זאלן שיקן מיליטער־**

(דעם אויבער קלאַס), דעם גוט באַצאָלטן אָפּיצירן־קלאַס פון איין זייט, און די צענדליקער מיליאָנען אָרעמע און פאַרצווייפלטע פון דער צווייטער זייט — וואָרנט פּראָפ. דזשעקסאָן, אַז וואָס מער דאָס מיליטער ווערט פינאַנסירט, פאַרגרעסערן זיך די סאָציאַלע רייבונגען, די שנאה און שפּאַלטונג צווישן דעם מיליטער קלאַס און די ברייטע שיכטן פון פאָלק. אין די אויגן פון די מאַסן ווערט אַמעריקע אידענטיפיצירט מיט די רייכע און מיט דעם מיליטער קלאַס, ווי אויך מיט דעם מערב־איינפלוס, וואָס איז אין קעגנזאַץ צום איסלאַם.

דער איינציקער פּלאַץ פאַר די אַמעריקאַנער איז אין פעלד, צוזאַמען מיט די אָרעמע פאַרמער. א מיליטערישע אַנוועזנהייט וועט נאָר צעפלאַקערן די שנאה קעגן אַמעריקע, וואָס די איסלאַמישע פונדאַמענטאַליסטן וועלן אויסנוצן מיטן צוועק צו דעסטאַביליזירן דעם רעזשים.

✶

דער עגיפּטישער רעזשים איז בלי ספק מסכים מיט דעם „סטראַטעגישן קאָנסענסוס" פון אַל. הייג, אַז סאָוויעט רוסלאַנד איז שונא נומער איינס. וואָס שייך אָבער דער אַמעריקאַנער מיליטערישער אַנוועזנהייט אויפן עגיפּטישן באָדן, וואָס איז דער גוף פון דעם „סטראַטעגישן קאָנסענסוס", איז דאָס עלול צו ברענגען די סכנות וועלכע אַמעריקע וויל פאַרמיידן. דער ענין קאָן זיך פאַרענדיקן מיט פאַרטרייבן די אַמעריקאַנער, אַזוי ווי עס איז געשען מיט דער סאָוויעטישער מאַנשאַפט, פון צוואַנציק טויזנט טעכנישע און מיליטערישע באַראַטער.

אויב דאָס זענען די אויסזיכטן פון דער מיליטערישער אַנוועזנהייט אין דעם פריינדלעכן עגיפּטן, וואָס זענען שוין די שאַנסן אין סאַוד אַראַביע, וואָס איז היינט געוואָרן דער נייער „פּילאַר", דער זייל פון דער אַמעריקאַנער געאָפּאָליטיק? ...

אין קעגנזאַץ צו מצרים, איז סאַוד אַראַביע שטיינרייך. בעסער געזאָגט: אוילרייך. דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט „פּער קאַפּ". דער סטאַטיסטישער באַגריף „פּער קאַפּ" איז נישט טרעפלעך, ווייל די אומגעהויערע רייכטימער ווערן הויפּטזאַכלעך אַקומולירט אין די „פּאָרטפּאָליאָס" פון די 4000 אַראַבישע פּרינצן.

די באַפעלקערונג פון סאַוד אַראַביע באַשטייט פון אַן ערך פינף מיליאָן אייגענע, און איבער א מיליאָן פרעמדע אַרבעטער, אינגעשטעלטע, טעכניקער, וואָס באַוועגן דאָס עקאָנאָמישע לעבן. די אַרמיי באַשטייט פון 35,000 מאַן. דער ווערט פון דער אַרמיי איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעפּרווט געוואָרן.

די סאָציאַלע סטרוקטור פון סאַוד אַראַביע, האָט פּרעמיער מיניסטער מנחם בעגין באַצייכנט אין איין זאַץ: „דאָס פּעטראָדאָלאַר ־ מדבר־קעניגרייך", וווּ עס הערשט די פינצטערקייט פון מיטלאַלטער, וווּ מען האַקט אָפּ הענט און קעפּ, וווּ עס הערשט א קאָרופּציע, וואָס שרייט צו די הימלען" ...

די פּרינצן וואָס הערשן און פירן אָן מיט דעם קעניגרייך, זענען באַהערשט פון אַ סכיזאָפרענישן קאָמפּלעקס. זיי ווייסן, אַז זייער לעצטער פּראָטעקטאָר — דאָס איז אַמעריקע. זיי ווילן האָבן אַ „ספּעציעלע פאַרהעלטניש" מיט אַמעריקע, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי מורא, אַז אַן אָפּיציעלע פאַרבינדונג מיט אַמעריקע קאָן באַדראָען זייער רעזשים פון אינעווייניק, פון די איסלאַמישע פאַנאַטיקער און פון דעם מיליאָן פּאַלעסטינער, וואָס געפינען זיך אין דעם גאָלף ראַיאָן.

סאַוד אַראַביע איז נישט מסכים מיט דעם „סטראַטעגישן קאָנסענסוס" פון אַל. הייג.

די פּרינצן טענהן, אַז סאָוויעט רוסלאַנד איז נישט דער שונא נומער איינס, און אין א געוויסער מאָס, איז דאָס אמת, אַז דער שונא נומער איינס איז לויט זיי — מדינת ישראל. זיי ווייסן, אַז דאָס איז נישט אמת, ישראל באַדראָט נישט סאַוד אַראַביע. זיי ווייסן אָבער דעם טרויעריקן אמת, אַז זייער שונא נומער איינס געפינט זיך אינעווייניק: פאַרפוילקייט פון זייער רעזשים; די איסלאַמישע פאַנאַטיקער און די ראַדיקאַלע פּאַלעסטינער זענען זייערע שונאים נומער איינס. בכדי אָפּצוציען די שנאה פון די אינערלעכע און רעגיאָנאַלע, ראַדיקאַלע, עלעמענטן — זענען די פּרינצן געוואָרן „די טשעמפּיאָנען" פון רופן צו דער ליקווידאַציע פון מדינת ישראל, האָפנדיק, אַז דאָס וועט אָפּראַטעווען זייער הויט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געפּלאַנטער אַמעריקאַנער אַנוועזנהייט אין סאַוד אַראַביע, שרייבט קריסטאָפער וואַן האָללען (מיטגליד פון קאַרנעגי פונדאַציע, געוו. שטעלפאַרטרעטער פון שטאַט סעקרעטאַר פאַר די ענינים אינעם מזרח — „פאָרעין אַפעירס", זומער 1981): „אויב מיר פּלאַנירן הויפּטזאַכלעך קעגן דער סאָוויעטישער געפאַר, כאָטש די אמתע געפאַר איז פון אינעווייניק און רעגיאָנאַל, וועלן אונדזערע אַקטיוויטעטן ברענגען מיט זיך א דעסטאַביליזאַציע".

וואַן האָללען איז נישט בלויז קעגן אַן אַמעריקאַנער מיליטערישער אַנוועזנהייט. ער וואָרנט, אַז אַפילו אַ ציווילע אַנוועזנדיקייט איז שעדלעך פאַר די אַמעריקאַנער אינטערעסן, ווייל דאָס קאָן ברענגען אַ דעסטאַביליזאַציע פון דעם סאַודישן רעזשים. ער וואָרנט, אַז היינט צו טאָג געפינען זיך אין סאַוד אַראַביע 45,000 אַמעריקאַנער, דערונטער 1000 מיליטערישע אינסטרוקטאָרן. אין דער פּראָפּאָרץ צו דער באַפעלקערונג איז די צאָל זיבן מאָל אַזוי גרויס, ווי אין איראַן, אין די בעסטע צייטן פון שאַך ...

דער דראַנג פון דער רעיגען אַדמיניסטראַציע פאַר עטאַבלירן אַ מיליטערישע אַנוועזנהייט אין די זאַמדן פון די אַראַבישע לענדער דערמאָנט די „פּאַקטאָמאַניע" פון דזשאָן דאַללעס. עס איז פון די פּאַקטן גאַרנישט געוואָרן. דאָס איינציקע וואָס דער „באַגדאַד פּאַקט" האָט גורם געווען, איז געווען די בלוטיקע ליקווידאַציע פון דער האַשעמיטישער דינאַסטיע אין איראַק ...

דער דראַנג צו פאַרפּלייצן דעם מיטעלן מזרח מיט

פֿריינד און דאָס פֿאַרזעצן דעם שלום־פּראָצעס צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות.

שטאַט סעקרעטאַר אַל. הייג האָט אַנטוויקלט אַ פּלאַן פֿאַרן מיטעלן מזרח, וואָס איז באַקאַנט אַלס „סטראַטעגישער קאָנסענסוס" פֿון אַלע פּראָ־מערב מדינות אינעם מיטעלן מזרח. דאָס הייסט, אַלע מדינות, פֿון פּאַקיסטאַן ביז מצרים, איינשליסלעך ישראל, דאַרפֿן איינזען, אַז דער שונא נומער איינס איז סאָוועט־רוסלאַנד. זיי דאַרפֿן שאַפֿן אַיין געמיינזאַמען פֿראָנט קעגן דעם שונא נומער איינס — סאָוועט רוסלאַנד. במילא דאַרפֿן זיי פֿאַרגעסן זייער שנאה צו ישראל און דערלויבן אין זייערע לענדער אַן אַמעריקאַנער מיליטערישער אָנוועזנהייט, וואָס וועט פֿאַרוואַנדלען דעם גאַנצן ראַיאָן אין אַ גרויסן מיליטערישן לאַגער, מיטן ציל צו באַשיצן די אויל קוואַלן קעגן די רוסישע אַפּעטיטן.

באַהויפּטן אָבער די אַראַבער, אַז צוערשט מוז דער אַראַביש־ישראלדיקער פּראָבלעם געלייזט ווערן אַזוי ווי זיי ווילן, און שפּעטער וועט מען זען...

דאָ ליגט דער פֿאַרדאַכט פֿון אַ רעאָריענטאַציע פֿון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, מיטן ציל צו באַפֿרידיקן די אַראַבער אויפֿן חשבון פֿון ישראל.

✶

עס איז דער ציל פֿון דעם אַרטיקל אויפֿצווייזן, אַז דער הייג־פּלאַן פֿאַר אַ „סטראַטעגישן קאָנסענסוס" איז אַן אַמאַלגאַם פֿון דער נאַיווער און שעדלעכער קאַרטער פּאָליטיק און פֿון דער „פּאַקטאָמאַניע" פֿון דזשאָן פֿאָסטער דאַללעס, פֿון דעם אייזענהאַוער פּעריאָד.

דער פּלאַן האָט נישט קיין אויסזיכטן אויף דערפֿאָלג, דערפֿאַר ווייל ער וועט ביישטייערן צו די סכנות, וואָס דער פּלאַן וויל אייגנטלעך פֿאַרמיידן.

דאָס וועלן מיר זען, ווען מיר וועלן באַטראַכטן: מי ומי ההולכים?

לאָמיר אָנהויבן מיט מצרים.

מצרים געפֿינט זיך בלי ספֿק אין דעם אַמעריקאַנער לאַגער. מצרים האָט געשלאָסן אַ שלום אָפּמאַך מיט ישראל און איז גרייט צו געבן די אַמעריקאַנער כּחות „פֿאַסיליטיס" (אַ מער אַקצעפּטירט וואָרט פֿאַר אַ צייטווייליקער באַזע.) אַמעריקאַנער מיליטערישע איינהייטן ווערן ספּעציעל געבראַכט קיין מצרים, פֿאַר געמיינזאַמע מיליטערישע איבונגען. צוזאַמען מיט סודאַן רעפּרעזענטירט דער דאָזיקער אַפֿריקאַנער פֿליגל 70 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער אַראַבישער וועלט.

פּלוצים איז די וועלט שאָקירט געוואָרן מיטן טראַגישן טויט פֿון פּרעזידענט סאַדאַט. לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן וועט סאַדאַטס נאָכפֿאָלגער פֿאָרזעצן פֿריינדלעכע באַציאונגען מיט אַמעריקע און כּמו־פֿריינדלעכע באַציאונגען מיט ישראל.

אָפּשאַצנדיק די אינערלעכע לאַגע אין מצרים, האָט פּראָפֿ. העגרי דזשעקסאָן פֿון קאָלומביאַ אוניווערסיטעט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ לענגערע אַרבעט אין „פֿאָרעין פּאָליסי" (פֿרילינג 1981), ווו ער האָט כּמעט פֿאָראויסגעזען סאַדאַטס טראַגישן טויט, אָנגעוויזן דעם פֿאַלשן צוגאַנג פֿון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק און גלייכצייטיק פֿאָרגעשלאָגן אַ נייעם צוגאַנג „נאָך סאַדאַטן".

לויט פּראָפֿ. דזשעקסאָן ליגט די געפֿאַר פֿאַרן עגיפּטישן רעזשים הויפּטזאַכלעך אין דער טרויעריקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס די איסלאַמישע פֿונדאַמענטאַליסטן וועלן אויסנוצן בכדי אונטערצוגראָבן און ליקווידירן דעם רעזשים.

די אינערלעכע לאַגע איז כּמעט האָפֿנונגסלאָז. אַ באַפֿעלקערונג פֿון צוויי און פֿערציק מיליאָן, וואָס פֿאַרגרעסערט זיך מיט הונדערט טויזנט יעדן חודש. העלפֿט פֿון אַלע לעבנסמיטל־פּראָדוקטן ווערט אימפּאָרטירט. דער אַגריקולטור שטח פֿון 6 מיליאָן אַקער פֿאַרקלענערט זיך מיט 60 טויזנט אַקער אַ יאָר פֿאַר הייזלעך און שטאָטישע אַנטוויקלונגען, (90 פּראָצענט פֿון מצרים איז אַ ווילדער מדבר) די אַרבעטסלאָזע דאָרפֿסלייט פֿאַרפֿליצן די שטעט. בלויז אין קאַיר באַטרעפֿט דער שטראָם 360 טויזנט אַ יאָר (כּמעט 1000 טעגלעך).

עקאָנאָמיסטן שאַצן אָפּ, אַז אַן ערך 25 פּראָצענט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט קאָן מען קלאַסיפֿיצירן אַלס אַרבעטסלאָזע.

זינט 1975 האָט אַמעריקע צוגעשטעלט קנאַפּע פֿינף און אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר ציווילע, עקאָנאָמישע הילף. דאָס איז מער פּער קאָפּ ווי דער מאַרשאַל פּלאַן, וואָס האָט צוריק אויפֿגעשטעלט אייראָפּע פֿון די חורבות פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה. אָבער אין עגיפּטן איז דאָס אַ טראָפּן אין ים (בלויז די דרינגענדע קאַנאַליזאַציע און וואַסער ליטונג אַרבעט אין קאַיר פֿאָדערט צוויי ביליאָן דאָלאַר).

פּראָפֿ. דזשעקסאָן האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז אַמעריקע דאַרף נישט שטעלן אַלץ אויף דער פּערזענלעכקייט פֿון סאַדאַטן, וואָס קאָן פֿאַלן אַ קרבן פֿון אַן אַטענטאַט. די אַמעריקאַנער פּאָליטיק דאַרף זיך אידענטיפֿיצירן מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון מצרים.

עגיפּטן דאַרף נישט מער קיין מאָדערנעם וואָפֿן. אַנשטאָט נייע געווער ליפֿערונגען, דאַרף אַמעריקע אויסבילדן טעכניקער צו רעסטאַווירן די טאַנקען און עראָפּלאַנען וואָס זענען שוין דאָרטן דאָ און צושטעלן די טעכנאָלאָגיע צו פּראָדוצירן באַשטאַנדטיילן. הויפּטזעכלעך דאַרף זיך אַמעריקע קאָנצענטרירן אויף צושטעלן אַגראָנאָמען און אַגריקולטור טעכנאָלאָגיע מיט אַ ציל צו ברענגען דאָס לאַנד צו אַזאַ צושטאַנד, אַז עס זאָל אַליין קאָנען באַשפּייזן די וואַקסנדיקע באַפֿעלקערונג.

וואָס איז גאָר וויכטיק אין שייכות מיט דער פֿריער פֿאָרגעשלאָגענער טעזע פֿון דעם אַרטיקל, פּראָפֿ. דזשעקסאָן באַגרינדעט זיך וואָרנונג צו דער רעיגן אַדמיניסטראַציע קעגן אַן אָנזעבאַרער אַמעריקאַנער אָנוועזנהייט אין מצרים. נעמענדיק אין באַטראַכט דעם קלאַסן אונטערשיד פֿון דער באַפֿעלקערונג, די פֿינף פּראָצענט רייכע

ד"ר מ. פערשטענדיק

# אַמעריקאַנער אילוזיעס

אין שייכות מיט דער קאָנטראָווערסיע אַרום דעם מאַסן פאַרקויף פון וואָפן און מיליטערישע טעכנאָלאָגיע פאַר סאַוד אַראַביע, האָט דער אַמעריקאַנער פובליציסט דזשאָרזש וויל דערמאָנט אַן אַלט באַקאַנטע פּאָליטישע לעקציע פון לינקאָלן: „אויב איר רופט אַן אַ ווידל, אַ פוס, וויפיל פיס האָט א הונט? פינף? ניין! פיר, ווייל אָנרופן א ווידל אַ פוס מאַכט נישט דעם ווידל פאַר אַ פוס"...

נמשל: אַ מאָל האָט די אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע באַצייכנט דעם שאַך פון איראַן אַלס אַ „פילאַר", אַ זייל אויף וועלכן עס שטיצט זיך די אַמעריקאַנער געאָפּאָליטיק אינעם מיטעלן מזרח. שפּעטער איז סאַדאַט געוואָרן דער דאָזיקער „זייל". נאָך אַ קורצער צייט איז דער „סאַדאַט־פילאַר" באַטראַכט געוואָרן אַלס מינדערווערטיק און היינט איז דער בכבודיקער נאָמען „פילאַר" דער זייל פון דער אַמעריקאַנער געאָפּאָליטיק צוגעטיילט געוואָרן צו סאַוד אַראַביע.

עס איז קלאָר פאַר יעדן, שרייבט דזשאָרדזש וויל „ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד אין דעם ראַיאָן, ווו מיר קאָנען לאַנדן אַן עראָפּלאַן — מאָרגן".

אין קעגנזאַץ צו אָט דער קלאָרער לאָגיק, דריקט אויפן האַרצן אַ באַגרינדעטער פאַרדאַכט, אַז מיר שטייען פאַר אַ ראַדיקאַלער רעאָריענטאַציע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אינעם מיטעלן מזרח, אַ רעאָריענטאַציע וואָס קאָן גורם זיין טראַגישע קאָנסעקווענצן, ווייט איבער די גרענעצן פון דעם מיטל־מזרח־ראַיאָן.

בכדי צו פאַרשטיין דעם נייעם צוגאַנג פון דער רעיגען אַדמיניסטראַציע; די אויסזיכטן פאַר דערפאָלג און וואַרשיינלעכן דורכפאַל, נייטיקט זיך אַ קורצער איבערזיכט און אַנאַליז פון א רייע פאַקטאָרן.

אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר דער פּרעזידענטשאַפט האָט ראָנאַלד רעיגען אידענטיפיצירט צוויי גרונטזעצלעכע צילן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אינעם מיטעלן מזרח: די זיכערקייט פון אַמעריקעס

דערצויגן (אין סאָציאַליסטישן גייסט) אַז קאַפּיטאַליסטישע געווער־פאַבריקאַנטן זענען פאַראינטערעסירט אין באַוואָפענונג, אין מלחמה — צוליב פּראָפיטן. מען האָט זיי אַפילו אָנגערופן: די הענדלער מיט טויט. און אָט דערזען מיר, אַז צווישן די הענדלער מיט טויט געפינט זיך דער „טשעמפּיאָן" פון סאָציאַליזם — סאָוויעט רוסלאַנד. פאַרוואָס שיקט זי נישט קיין ברויט צו די הונגעריקע לענדער נאָר קאַלאַשניקאָוו־ביקסן? פאַרוואָס שיקט זי נישט קיין אַגראַר־מאַשינען, אַגראַר־טעכניק, כדי די פעלקער זאָלן קאָנען אַרויסבאַקומען מער פון זייער ערד, זיך אַליין צו דערנערן?

דעם ענטפער דאַרף מען ווייט נישט זוכן. ער ליגט אין איין וואָרט: רעאַל פּאָליטיק. קויפן אַ טאַנק, איז נישט דאָס זעלבע ווי קויפן אַ ברויט. דער בעקער גייט נישט מיט, מיט אייך אַהיים, צו ווייזן אייך — ווי אַזוי מען צעשנײַדט אַ ברויט. דער מעכאַניק וואָס האָט געבויט דעם טאַנק פאָרט יאָ מיט, מיטן טאַנק, אָדער דער מיליטערמאַן, וועלכער באַדינט דעם האַרמאַט אין טאַנק — פאָרט יאָ מיט, מיטן טאַנק, כדי דעם אַנאַלפאַבעט פון אָפּגעשטאַנענעם לאַנד באַקענען מיט דער מיליטערישער וויסנשאַפט פון צוואַנציקסטן י. ה.

געווער — אויסער וואָס עס ברענגט אַריין פעסטע אויסלענדישע וואַלוטע (לייען — דאָלאַרן) גיט אויך א מעגלעכקייט צו אַריינדרינגען אין געגעבענעם לאַנד און פאַרקויפן דאָרט קאָמוניזם, כאָטש דער פּרימיטיווער איינוווינער פון לאַנד ווייס נישט מיט וואָס מען עסט עס.

באַוואָפענונג מיינט פאַר יעדן עפּעס אַנדערש. דער מערב באַוואָפנט זיך קעגן רוסלאַנד (בעסער טויט, אייידער רויט...) רוסלאַנד באַוואָפנט זיך קעגן מערב, כאָטש די פילן זיך נישט באַדראָט פיזיש, אָבער זיי פילן זיך באַדראָט אידייאיש — ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם זעט אויס (דורכן סאָוויעטישן פענצטער) מער צוציענדיק און צוזאָגנדיק. די אָפּגעשטאַנענע לענדער באַוואָפענען זיך — אויב מען מעג אַזוי זאָגן, צוליב פּרעסטיזש.

דער אַלגעמיינער סך־הכל איז אָבער זייער אַ טרויעריקער:

אַלע ווענן (און צילן) פירן צו דער פאַרניכטונג פון מענטשן.

די גרויסע אַנטי־נוקלעאַר דעמאָנסטראַציעס אין דער מערב־וועלט (אין רוסלאַנד קאָן נאָר דאָס מיליטער דעמאָנסטרירן איר מעכטיקן באַוואָפנטן כוח) זענען אַן אויסדרוק נישט פון רעוואָלט אָדער איבערצייגטן פאַציפיזם — זיי זענען אַן אויסדרוק פון פּאַניק, וואָס עס איז באַפאַלן די מענטשן. זיי ווילן דאָס סאַמע איינפאַכסטע, וואָס איז געוואָרן דאָס סאַמע קאָמפּליצירטסטע, און טייל־מאָל — דאָס אומדערגרייכבאַרע: זיי ווילן געבוירן און דערציען קינדער, זיי ווילן בויען הייזער — זיי ווילן לעבן. עס איז אָבער זייער שווער צו לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, אין שאָטן פון טויט.

לויט פּשוטן שכל קומט אויס, אַז די ריזיקע סומען, וועלכע מען לייגט אַריין צו דערפינדן נייע טעכנאָלאָגיע, נייע פאַרניכטונגס־סיסטעמען — האָט מען געקאָנט, און געדאַרפט אויסנוצן פאַרן וווּל פון מענטש.

אָבער דאָס איז שוין אידעאַליזם וואָס האָט נישט קיין אָרט אין אונדזער צייט פון רעאַל פּאָליטיק.

הענגט טאַקע דער גורל פון דער מענטשהייט אין באַלאַנס.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פֿון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

נאָוועמבער־דעצעמבער 1981 נומער 5 (29) מעלבורן־אויסטראַליע


# אידעאַליזם און – רעאַל־פּאָליטיק

אין מיטן פֿון אַלע ווידעראַנאַנדן אין דער וועלט: אינפֿלאַציע; אַרבעטסלאָזיקייט; לאָקאַליזירטע מלחמות; אויפֿשטאַנדן; מיליטערישע שפּאַנונג; באַוואָפֿענונג און סתם טעראָריזם — האָט מען זיך געכאַפּט, אַז אַ חוץ דעם אַלעם, זענען אין דער וועלט דאָ זאַטע מענטשן און הונגעריקע מענטשן.

פֿאַרשטייט זיך: אַרויסזאָגן עס אין אַזעלכע פּשוטע ווערטער, ווען די דאָזיקע ווערטער פּיקן אין געוויסן (ביי די, וועלכע האָבן נאָך אַ געוויסן) און מאָנען אַן ענטפֿער: פֿאַרוואָס?

דעריבער נוצט מען אַ מער דיפּלאָמאַטישע באַצייכענונג, ווי: אַנטוויקלטע און נישט־אַנטוויקלטע לענדער, אָדער — די דריטע וועלט. אונטער וועלכע באַצייכענונגען מען זאָל דעם צושטאַנד נישט באַהאַלטן, ענדערט זיך נישט זיין סובסטאַנץ און די ווירקלעכקייט שרייט צו אונדז אַ ביטער געשריי: מיר זענען הונגעריק!

אין רעזולטאַט פֿון באַוווּסטזיין, אַז עפּעס שטימט נישט אין וועלט־באַלאַנס צווישן די שיינע רייד וועגן מענטשן־רעכט און די הונגעריקע מאָגנס, האָט מען אָרגאַניזירט אַ צונויפֿקום פֿון די ווייניק־אַנטוויקלטע און צופֿיל־אַנטוויקלטע לענדער אין מעקסיקאַנער אָפּרו אָרט — קאַנקון. 22 פֿאַרשטייער, פֿירער פֿון רייכע און אָרעמע לענדער האָבן זיך פֿאַרנומען אַרומצורעדן, וואָס איז מעגלעך צו טאָן, כּדי דעם צושטאַנד צו ענדערן, אָדער כאָטש פֿאַרבעסערן. קודם האָבן אַלע מסכּים געווען (וואָס דאָס אַליין איז אַ זעלטנהייט ביי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענצן) אַז עס איז נישט גוט. אָבער נאָך דעם — איז כּמעט אַלץ געבליבן ביים אַלטן.

עס איז געווען צו דערוואַרטן, אַז די רייכע, אַנטוויקלטע לענדער וועלן, ביי זייער גאַנצן פּראָקלאַמירטן אידעאַליזם (מענטשן־רעכט) נישט איינלאַדן די אָרעמע, נישט־אַנטוויקלטע לענדער, די זאָלן זיך זעצן צום רייכן טיש — און געניסן. עצות האָט מען אָבער יאָ געגעבן — ווי אַזוי די אָרעמע לענדער זאָלן זיך אונטערגאָרטלען, כּדי די עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג זאָל קאָנען הייבן דעם נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט.

אַ טרייסט איז אפֿשר, אַז אין דער פּאָזע פֿון רעאַל־פּאָליטיק, וועלכע די וועלט מאַכט אַצינד דורך, באַדייט די קאָנפֿערענץ אַ לייכטער ציטער (אָבער פּאָרט אַ ציטער!) פֿון געוויסן, דאָס געפֿיל אַז ס'איז נויטיק געווען צו רופֿן אַזאַ קאָנפֿערענץ — איז דער טראָפּן מענטשלעכקייט, אויף וועלכן מיר קאָנען אָנהענגען אַלע אונדזערע האָפֿענונגען.

עס וואָלט זיך דעריבער געקאָנט דוכטן, אַז אויב מיר האָבן אין די זאַטע לענדער, אַנשטאָט אידעאַליזם, זעלבסטצופֿרידנקייט, וועלן די האַלב־ אָדער דריי־פֿערטל זאַטע לענדער פֿאַרמאָגן מער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די נויטן פֿון זייער באַפֿעלקערונג און דעריבער אַרויסווייזן מער איינזען. דער דראַנג (אַ סך מאָל — אומגעדולדיקער) מיטצומאַכן רעאַל־פּאָליטיק האָט אָבער אויך דאָרטן איבערגענומען דאָס אָרט פֿון אידעאַליזם.

אין לעקסיקאָן פֿון אונדזער צייט, מיינט רעאַל־פּאָליטיק — באַוואָפֿענונג.

ווען מיר לייענען וועגן די ביליאָנען דאָלאַרן, וועלכע אָרעמע לענדער גיבן אויס זיך צו באַוואָפֿענען; ווען מיר זעען בילדער אין פּאָפּולערע וועלט־זשורנאַלן פֿון 10 יאָריקע קינדער באַהאָנגען מיט אויטאָמאַטישע ביקסן; ווען מיר זעען צעשמיכלטע קינדער אין אַראַבישע פּליטים־לאַגערן, וועלכע באַווייזן זייער פֿעאיקייט און געשולטקייט אין געציילטע מינוטן צונעמען און צונויפֿשטעלן קאָמפּליצירטע אויטאָמאַטיש געווער — גייט אַ גרויל אַדורך, בלויז פֿון געדאַנק: ווו פֿירט עס אַלץ?

מיר ווילן זיך נישט פֿאַרנעמען מיט אויסרעכענען וויפֿל עס גיבן אויס אויף באַוואָפֿענונג די נישט־אַנטוויקלטע לענדער. מירן בלויז דערמאָנען, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד געפֿינט זיך אויפֿן צווייטן אָרט אין דער וועלט, לויטן סכום געווער וועלכן זי פֿאַרקויפֿט. קלאָר איז, אַז אירע קונים זענען קודם כּל די אָרעמע לענדער. וואָס מיר ווילן יאָ אונטערשטרייכן איז: אין אומלויף (אויסער רוסלאַנד) געפֿינען זיך 10 מיליאָן קאַלאַשניקאָוו־ביקסן, וואָס קאָסטן לויטן אָפֿיציעלן פּרייז 750 דאָלאַר אַ שטיק, און אויפֿן מאַרק (צווייטע, דריטע, האַנט) פֿון 100 ביז 150 דאָלאַר.

מיר געדענקען נאָך די צייטן, ווען מען האָט אונדז

WITH COMPLIMENTS FROM:

**ESTHER**
**and**
**ALEC**
**NADELMAN**

CONGRATULATIONS TO THE

**"KADIMAH"**

ON ITS 70TH ANNIVERSARY

**Mr. Sam Pearl**

WITH THE BEST WISHES
TO THE
"KADIMAH" ON THE OCCASION
OF ITS 70TH ANNIVERSARY

★

**FAMILY**
**RUBIN KAUFMAN**

WITH COMPLIMENTS FROM:

**Phillips Shirts**
**Pty. Ltd.**
**CLOTHING MANUFACTURERS**

**274 Lit. Lonsdale Street**
**Melbourne. 3000**
**Phone 67-3000 67-4753**

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — אידעאליזם און — רעאל פאליטיק . . . . . . . . 1
ד"ר. מ. פערשטענדיק — אמעריקאנער אילוזיעס . . . . . . . . . . . 2
י. אַרכאַף — עס רעדט פון אים אַרויס... . . . . . . . . . . 5
א. זילבער — צוויי פייערן — תורה און חכמה . . . . . . . . 6
פון רעדאקציע . . . . . . . . . . . . . 8
י. ראָזענבערג — מיין זיידע; די צעבלוטיקטע האַנט (לידער) . . . . . . 9
פאַרלוסטן אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט . . . 9
אַ. ציקערט — און ס׳איז געווען... (דערציילונג) . . . . . . . . . 10
י. מ. לעווין — „אויף זיכערע ברעגעס" (אָפּשאַצונג) . . . . . . . . . . 12
דר' שלום כאַלאַווסקי — אַ גרויסער זון פון פאָלק . . . . . . . . . . . . 13
מ. אייזענבוד — ווען עס קלינגט דער טעלעפאָן... (דערציילונג) . . . . . 16
י. אַרכאַף — יידישע קינסטלער — געסט פון „קדימה" . . . . . . . 19
ש. בענעט — איז אויסטראַליע אַ גלות? . . . . . . . . . . . . 20
וו. יאַבלאָנסקי — וועלט־אַטלאַס פון שטראָף־אַנשטאַלטן. . . . . . . . . 22
מאַרק ב. — אין אַ נאָווינע — וועגן דער ליטעראַטור אונדזערער... 23
אַ היסטאָרישע געשעעניש אין אונדזער ישוב . . . . . . 24
א"ד — צילן און טרוימען . . . . . . . . . . . . . . . 25
אין אונדזער סביבה . . . . . . . . . . . . . . . 26


פרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 5 (29) נאָוועמבער–דעצעמבער 1981